בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע

מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
**ס"ב**
**מטות - מסעי, ה'תש"פ**

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור


בחינת יעקב ולבן
תלמיד חכם שאין בו דעת
שכינתא בין תרי צדיקיא יתבא
ועיני לאה רכות
גלות השכינה
התדבקות רוחא ברוחא
כשנתחדש הלכה נתחדש שכל וידיעה
שפתותיו דובבות בקבר
לשנות מפני השלום...
וילך וישב לבן למקומו
ושמעת מלכותא וקטלה
אפגעדריקט דעם פשט אין גילדענע אותיות
איז געקומען דער 'מגן אברהם' און מיר געזאגט
זאלסט ווען הערן דעם אידן זאגן די 'הלכה'
'רחל' בחינת תורה שבעל פה
ללמוד תורה לשמה
חותמו של הקב"ה 'אמת'
לחדש בתורה
דער "גרויסער ר' דוד צבי" - חותן מוהרנ"ת
המגיד מטירהאוויצע ז"ל
שומר הגבול...
דיבורים חמים כגחלי אש
'אייער' זיידע מיין איך...
פרי צדיק עץ חיים - נכדי רביז"ל
קען זיין ער האט דיר געמיינט... - הרב מ'טשעהרין
גאנץ כתבי האריז"ל אויף דער 'דאלאניע'
מיט אזעלכע 'קארעטעס' וואס וועט זיין מיט זיי?
א 'מאיאנטעק' מיט א 'קאפיקע'


להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

ארה"ב: **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

אירופה: **033-03900485** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 62


©
כל הזכויות שמורות



**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:**
יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443** (מארה"ק: **072-257-3456**)


לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@gmail.com**

כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $15 עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (1+)**

בס"ד

# פרשת ויצא, שנת תשל"ה

## - ובו שיעור בספה"ק ליקוטי מוהר"ן תו' י"ב -

(טייפ מס' 60#)

## בחינת יעקב ולבן

(חסרה ההתחלה, בתוך שיעור בספה"ק ליקוטי מוהר"ן תו' י"ב)[א] וואס האט 'לבן' געוואלט? ברענגט דער זוהר הקדוש[ב] - ר' נתן ברענגט עס אין א הלכה אויך[ג] - אז דאס וואס ער האט געזאגט "הבנות בנותי והבנים בני",[ד] האט ער געוואלט אינגאנצן אפרייסן די קדושה פון יעקב'ן! "וואס נעמסטו זיך אזוי איבער מיט 'דיינע קינדער'? ס'איז 'מיינע' קינדער, ס'איז 'מיינע' טעכטער!".

יעקב האט אויפגעשטעלט די 'י"ב שבטי י-ה' און דאס איז גאר די 'י"ב צרופי הוי"ה', (ולבן בא לומר) - "נעם זיך נישט איבער, ס'איז 'מיינע' קינדער, ס'איז 'מיינע' טעכטער!".

דאס איז "לעקור את הכל", 'אויסרייסן', נעמען די 'שבטי י-ה' און זאגן אז דאס איז (זיינע)!

---

[א] וז"ל שם: מַה שֶּׁאָנוּ רוֹאִים, שֶׁעַל־פִּי הָרֹב הַלּוֹמְדִים חוֹלְקִים עַל הַצַּדִּיקִים, וְדוֹבְרִים עַל הַצַּדִּיק עָתָק בְּגַאֲוָה וָבוּז, זֶהוּ מְכֻוָּן גָּדוֹל מֵאֵת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. כִּי יֵשׁ בְּחִינַת יַעֲקֹב וְלָבָן: יַעֲקֹב הוּא הַצַּדִּיק הַמְחַדֵּשׁ חִדּוּשִׁין דְּאוֹרַיְתָא וְלוֹמֵד תּוֹרָתוֹ לִשְׁמָהּ, וְטוּבוֹ גָּנוּז וְשָׁמוּר וְצָפוּן לֶעָתִיד, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל: 'לְמָחָר לְקַבֵּל שְׂכָרָם'; וְעַל שֵׁם שֶׁשְּׂכָרוֹ לְבַסּוֹף, עַל שֵׁם זֶה נִקְרָא יַעֲקֹב - לְשׁוֹן עָקֵב וָסוֹף, שְׂכָרוֹ לְבַסּוֹף. וְלָבָן הוּא תַּלְמִיד־חָכָם, שֵׁ"ד יְהוּדִי, שֶׁתּוֹרָתוֹ לְהִתְיַהֵר וּלְקַנְטֵר...

[ב] עי' זוה"ק פרשת וישלח דף קס"ז ע"א.

[ג] עי' ליקוטי הלכות הל' מתנה ומתנת שכ"מ אות י"ד: ...וְכָל הַמִּלְחָמָה וְהָעֲבוֹדָה וְהַיְגִיעָה שֶׁל יַעֲקֹב, הַכֹּל בִּשְׁבִיל הַבָּנִים וְהַצֹּאן, שֶׁהֵם בְּחִינַת בָּנִים וְתַלְמִידִים ... עַל כֵּן הֻכְרַח יַעֲקֹב לִבְרֹחַ מִמֶּנּוּ בְּהֵחָבֵא עִם רָחֵל וְלֵאָה, שֶׁהֵם כְּלַל הַתּוֹרָה, וְעִם כָּל הַבָּנִים וְהַצֹּאן. וְלָבָן רָדַף אַחֲרֵיהֶם וּבִקֵּשׁ לַעֲקֹר אֶת הַכֹּל ח"ו, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, אֲרַמִּי אֹבֵד אָבִי, כִּי עֲדַיִן לֹא הִכְנִיעוּ אוֹתוֹ כָּרָאוּי, לוּלֵי ה' שֶׁהָיָה לָנוּ וְכוּ' בְּחִינַת לוּלֵא אֱלֹקֵי אָבִי אַבְרָהָם וּפַחַד יִצְחָק הָיָה לִי ...

[ד] פרשת ויצא ל"א מ"ג.

ס'איז טאקע זיינע טעכטער געווען, און זיינע אייניקלעך, האט ער געוואלט איינגאנצן אפרייסן דאס פון די קדושה, איינגאנצן אויסרייסן פון יעקב'ן, "וכל אשר אתה רואה לי הוא"[ה] - וואס דו זעהסט איז אלצדינג מיינס! וואס האסטו אויפגעטוהן אזוי?! האסט געהאט קינדער? ס'איז מיינע קינדער! טעכטער? ס'איז מיינע טעכטער! וואס האסטו אויפגעטוהן?!?".

די קליפה - ער טשעפעט גארנישט, 'בגשמיות' טוהט ער אים גארנישט, נאר ער וויל אים איינגאנצן אויסרייסן, אפרייסן די קדושה, אויסרייסן די קדושה, מאכן דאס פאר א פראסטע זאך.

❖

## תלמיד חכם שאין בו דעת

(ממשיך ללמוד בלקוטי מוהר"ן תו' י"ב) **וְזֶה יָדוּעַ, שֶׁאֵינוֹ נִקְרָא תַּלְמִיד־חָכָם אֶלָּא עַל־יְדֵי תּוֹרָה שֶׁבְּעַל־פֶּה, כִּי זֶה שֶׁיּוֹדֵעַ לִלְמֹד חֻמָּשׁ אֵינוֹ נִקְרָא תַּלְמִיד־חָכָם, אֶלָּא זֶה שֶׁהוּא בָּקִי בִּגְמָרָא וּפוֹסְקִים. וּכְשֶׁלּוֹמֵד בְּלֹא דַּעַת, נִקְרָא לָבָן, עַל שֵׁם עַרְמִימִיּוּת שֶׁנִּכְנָס בּוֹ.**

ס'ווערט געברענגט טאקע אזוי, אז מען לערנט תורה אָן 'טהרה', גייט אריין אין אים אן 'ערמימיות'.

דער 'שבתי צבי ימ"ש', זיי האבן געלערנט אָן מקוה, אָן טהרה, דערפאר איז געווארן וואס ס'איז געווארן.[ו]

זיי זענען גרויסע לומדים געווען, זיי האבן געלערנט אָן טהרה איז געווארן וואס ס'איז געווארן.

---

[ה] שם.

[ו] עי' מאור ושמש פרשת אמור ד"ה במדרש דבר אחר אמור אל הכהנים, וז"ל: ובזמנים הקודמים שהיה דבר ה' יקר בימים ההם ולא היו יודעים מיראת הרוממות כלל, זאת היה מחמת שהיו לומדים תורה ולא נזהרו בטבילה זו, **והכת שבתי צבי ימ"ש שהיו אז בימים ההם, ומזה נעשו אפיקורסים שלמדו ספרי קבלה בטומאת הגוף,** והיה העולם שמם עד שבאו שני המאורות הגדולים לעולם הבעש"ט הקדוש ואדמו"ר הרב רבינו אלימלך נבג"מ, והם פתחו שער לה' צדיקים יבואו בו שלא יהרהר אדם שום הרהור תורה עד שיטבול עצמו לקריו, שחכמי הגמרא לא ביטלוהו אלא מפני שאין רוב הציבור יכולין לעמוד בה, אבל אותן האנשים הרוצים להשיג גופי התורה ומצוות צריכין להיות נזהר מאד בטבילה זו.

וְשׂוֹנֵא וְרוֹדֵף אֶת הַצַּדִּיקִים, דער צדיק איז 'תיקון הברית' און דער עיקר איז דאך 'טהרה', און זיין זאך (- של הלומד בלא דעת) איז דאך 'נישט', (- ההיפך מטהרה), איז ממש האט ער פיינט דעם צדיק!

דער דאזיגער וואס איז א פגום - איז ער א פגום פאר זיך? ניין! ער קען בשום-אופן נישט ליידן דעם צדיק, דער צדיק איז א זאך פון טהרה, און ער קען עס נישט סובל זיין, ער איז אים שונא, ער רודפ'ט אים!

❖

## שכינתא בין תרי צדיקיא יתבא

(ממשיך בליקו"מ) צַדִּיק עֶלְיוֹן וְצַדִּיק תַּחְתּוֹן - זאגט דער רבי, עס שטייט טאקע אין דעם היינטיגן זוהר[ז] אויך, אז "צדיק עליון וצדיק תחתון" דאס איז 'יוסף ובנימין', 'יוסף' איז 'צדיק עליון', 'בנימין' איז 'צדיק תחתון'.

אין זוהר שטייט אז יעדער קינד איז געווען כלול פון אן ענין פון יעקב'ן, 'יוסף' איז געווען כלול פון 'יסוד' פון יעקב, אז יוסף איז אוועק האט 'בנימין' איבערגענומען דעם 'יסוד', שטייט אין זוהר אז 'יוסף' איז דער 'צדיק עליון', און 'בנימין' - דער 'צדיק תחתון', דאס איז די צוויי צדיקים.

דער רבי זאגט טאקע אין די תורה "בראשית - לעיני כל ישראל",[ח] ברענגט דער רבי דארטן: "רחל מבכה על בניה", ווער זענען 'בניה'? טאקע 'יוסף'!

דער 'זוהר' זאגט 'בניה' טאקע ביידע - אי 'יוסף' אי 'בנימין'.

דער רבי רעדט, וואס איז "רחל מבכה"? 'רחל' איז 'מבכה' אויף די 'העלמת הצדיק'! אויף וואס קלאגט רחל? זי האט אזא מין 'יוסף', דאס איז דער 'יסוד' פון די גאנצע וועלט, און ער איז אזוי נ-ע-ל-ם!

קלאגט זי אז דער צדיק איז נעלם, און די גאנצע וועלט איז נישט 'על מקומו', "מבכה על בניה", דער רבי ברענגט דארטן 'בניה' מיינט 'יוסף', יוסף איז טאקע איר זון, ביידע זענען 'בניה' טאקע - אי 'יוסף' אי 'בנימין'.

---

[ז] עי' זוה"ק פרשת ויצא דף קנ"ג ע"ב.

[ח] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ס"ז תניינא, בסופו.

❖

**כִּי שְׁכִינְתָּא בֵּין תְּרֵין צַדִּיקַיָּא יָתְבָא**, 'שכינתא' איז 'תורה שבעל פה', די 'שכינתא' איז צווישן די צוויי צדיקים, דארטן איז דער פלאץ פון די 'שכינתא', די 'תורה שבעל פה' געפינט זיך תמיד 'בין תרי צדיקיא'.

דער עיקר פון די 'צוויי צדיקים' איז דאך אלץ א ענין פון 'טהרה', דארטן געפינט זיך די 'תורה שבעל פה', דארטן איז איר ארט, "בין תרין צדיקיא יתבא".

**כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב בַּזֹּהַר, צַדִּיקִים יִרְשׁוּ אָרֶץ - צַדִּיקִים תְּרֵי מַשְׁמַע**, 'ירשו' איז פשט - א ירושה גייט איבער פון דור לדור, א ירושה ווערט נישט נפסק, די 'תורה' איז א 'ירושה', גייט זי איבער 'מדור לדור', די צדיקים זיי ירש'נען די 'תורה שבעל פה', גייט עס שוין מדור לדור, א ירושה האקט זיך נישט איבער.

זאגט דער רבי: **וּשְׁנֵי צַדִּיקִים אֵלּוּ הֵם - זֶה הַצַּדִּיק שֶׁחִדֵּשׁ זֹאת הַתּוֹרָה שֶׁבְּעַל-פֶּה, זֶה צַדִּיק עֶלְיוֹן; וְצַדִּיק הַתַּחְתּוֹן, זֶה שֶׁלּוֹמֵד הַחִדּוּשִׁין; וְתוֹרָה שֶׁבְּעַל-פֶּה הַיְנוּ שְׁכִינְתָּא**, אה, קומט ארויס פון א 'פה' די 'שכינה הקדושה', דאס איז 'תורה שבעל פה', וואס מיר האבן - 'תורה שבעל פה' איז די 'שכינה הקדושה'! **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב 'מַלְכוּת פֶּה, וְתוֹרָה שֶׁבְּעַל-פֶּה קָרִינַן לָהּ'**, 'מלכות' איז דאך די שכינה הקדושה.

❖

# ועיני לאה רכות

אין אן הלכה זאגט ר' נתן,[ט] ער ברענגט פונעם 'אר"י הקדוש' אז יעקב איז דאך 'תורה', יעקב איז נאר 'תורה שבכתב', און רחל איז 'תורה שבעל פה', דערפאר האט יעקב געמוזט האבן א שלימות מיט רחל'ען, ווייל 'תורה שבכתב' מוז אנקומען צו 'תורה שבעל פה', מען קען נישט וויסן קיין איין מצוה אָן 'תורה שבעל פה'.

"כרחל לפני גוזזיה",[י] דאס איז 'תורה שבעל פה'. און וואס איז 'לאה' ווייטער? 'יעקב ורחל' איז שוין די 'שלימות התורה', 'לאה' איז 'תפילה'! "לאה היתה יושבת

---

[ט] עי' ליקוטי הלכות ראש חודש ה' אות כ"ט.

[י] עי' ליקוטי מוהר"ן כאן תו' י"ב, והוא עפ"י ישעיה נ"ג ז'.

בפרשת דרכים",[יא] זי האט געהאלטן אין איין וויינען זי זאל נישט ארייינפאלן 'בחלקו של עשיו'.

אפילו מען האט שוין 'תורה שבכתב', מען האט שוין 'תורה שבעל פה', מוז מען אנקומען צו 'תפילה'!

און די 'תפילה' איז אזוי גרויס, אז זי 'פעדערט' (גדול במעלה) זיך נאך פאר רחל'ען! דער עיקר איז דאך פון לאה'ן. 'תורה שבעל פה' און 'תפילה' - דאס איז דער 'שלימות'![יב]

דער רבי רעדט אין דער תורה - מען מוז האבן 'תפילות', מאכן פון 'תורות' - 'תפילות'.[יג]

דאס איז די שלימות: 'תורה שבכתב' און 'תורה שבעל פה', און 'תפילה'!

ביי יעקב'ן איז געווען - ער האט געדארפט האבן 'לאה', און לאה איז 'עיני לאה רכות', אסאך וויינען!

אה, ביי אונז איז געווען לומדים, גרויסע לומדים, נאר זיי האבן זייער אסאך טרערן פארגאסן פארן אויבערשטן, 'לאה'!

'תורה שבעל פה' - אבער לאה! לאה!

❖

[יא] עי' גמ' בבא בתרא דף קכ"ג ע"א: ...שהיתה שומעת על פרשת דרכים בני אדם שהיו אומרים, שני בנים יש לה לרבקה, שתי בנות יש לו ללבן, גדולה לגדול וקטנה לקטן, והיתה יושבת על פרשת דרכים ומשאלת, גדול מה מעשיו, איש רע הוא מלסטם בריות, קטן מה מעשיו, איש תם יושב אוהלים, והיתה בוכה עד שנשרו ריסי עיניה, והיינו דכתיב וירא ה' כי שנואה לאה, מאי שנואה ... אלא ראה הקב"ה ששנואין מעשה עשו בפניה...

[יב] עי' ליקוטי הלכות הל' ראש חודש ה' אות כ"א: ... כִּי הָעִקָּר הוּא הַתְּפִלָּה שֶׁמִּתְפַּלְלִין עַל קִיּוּם הַתּוֹרָה, וּתְפִלָּה כָּזֹאת הִיא בְּחִינַת מַעֲשֶׂה, בְּחִינַת קִיּוּם הַתּוֹרָה מַמָּשׁ, עַל־כֵּן הִיא הָעִקָּר, כִּי צָרִיךְ שֶׁיִּהְיוּ מַעֲשָׂיו מְרֻבִּין מֵחָכְמָתוֹ... (מלשון אוצר היראה - סוכות אות נ"ט).

[יג] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' כ"ה.

# גלות השכינה

**וּכְשֶׁהַשְּׁכִינָה הַנִּקְרָא תּוֹרָה שֶׁבְּעַל־פֶּה בָּאָה בְּתוֹךְ תַּלְמִיד־חָכָם שֵׁד יְהוּדִי,** ער לערנט, ער איז א 'למדן', **זֶה נִקְרָא גָּלוּת הַשְּׁכִינָה,** די 'שכינה' איז ביי אים אין 'גלות', ביי אים איז דאך נישט קיין 'טהרה', ביי אים איז אָן 'דעת', אָן 'טהרה'.

די שכינה איז ביי אים אין 'גלות', זי וויל נישט זיין דארטן, "שכינתא בין תרין צדיקיא יתבא" - דארטן איז איר פלאץ, צווישן צוויי צדיקים, "צדיק עליון וצדיק תחתון", אבער אז זי קומט אריין אין דעם מויל פון דעם "שד יהודי" האט זי א געוואלדיגן צער, דאס הייסט "גלות השכינה".

**וְאָז יֵשׁ לוֹ פֶּה** - האט דער למדן א פה - **לְדַבֵּר עַל צַדִּיק עָתָק וְכוּ'.**

די 'שכינה' - איר פלאץ איז נאר טאקע ביי דעם צדיק, "בין תרי צדיקיא יתבא". אז זי קומט אריין צו אים (בת"ח שד יהודי) וואס האט דאך גארנישט קיין שום שייכות דארטן, נאר וואס דען - מחמת התגברות הגלות איז זי ארייגעפאלן דארטן, באקומט ער א מויל צו רעדן אויף דעם 'צדיק' - וואס דארטן איז דער ארט פון די 'שכינה הקדושה', דארטן איז דער ארט פון די 'תורה שבעל פה'.

❖

# התדבקות רוחא ברוחא

**וּכְשֶׁהָאָדָם לוֹמֵד בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה,** זאגט דער רבי 'בקדושה ובטהרה', דער רבי האט געזאגט: "דאס ערשטע איז מקוה".[י]

ער לערנט בקדושה ובטהרה - **אֵיזֶה דִּין וּפְסָק שֶׁחִדֵּשׁ אֵיזֶה תַּנָּא אוֹ צַדִּיק אַחֵר,** אה, דארף מען וויסן אז די 'שכינה הקדושה' געפינט זיך דארט ביי דעם מענטשן, און וויל זיין ביי אים - ביי דעם 'לומד', נאר וואס דען - דארף מען לערנען 'בקדושה ובטהרה', טאקע 'בטהרה'!

**עַל־יְדֵי־זֶה נַעֲשֶׂה בְּחִינַת נְשִׁיקִין, וּנְשִׁיקִין זֶה בְּחִינַת הִתְדַּבְּקוּת רוּחָא בְּרוּחָא,** אזוי ממש, נשיקין.

---

[י] עי' שיחות הר"ן אות קמ"א, עיי"ש.

כִּי הַפְּסָק הַזֶּה הוּא דִּבּוּרוֹ שֶׁל הַתַּנָּא, דער תנא האט דאך דעם דיבור ארויסגערעדט, די 'הלכה' - דעם 'פסק' האט דער תנא ארויסגערעדט, וְדִבּוּר הוּא הַחִיּוּת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "לְנֶפֶשׁ חַיָּה", וְתַרְגּוּמוֹ: 'לְרוּחַ מְמַלְּלָא'.

וְרוּחַ מְמַלְּלָא, הַיְנוּ הַנֶּפֶשׁ חַיָּה, הִיא בָּאָה מִתּוֹרָה שֶׁבְּעַל־פֶּה, וואס איז דער 'דיבור'? דאס איז טאקע 'תורה שבעל פה', דער תנא האט ארויסגערעדט דעם 'דיבור', דאס איז טאקע 'תורה שבעל פה', יעדע 'הלכה' וואס מיר האבן איז 'תורה שבעל פה'.

כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "תּוֹצֵא הָאָרֶץ נֶפֶשׁ חַיָּה", 'ארץ' איז 'מלכות' - 'תורה שבעל פה'. "תוצא הארץ", 'הארץ' מיינט מען 'תורה שבעל פה', 'נפש חיה' דאס איז טאקע דאס 'חיות', קומט דאך אויס אז אין די 'תורה שבעל פה' ליגט דארטן דעם 'רוח פיו' פונעם תנא.

נִמְצָא, עַכְשָׁו כְּשֶׁלּוֹמְדִים אֶת הַחִדּוּשׁ הַזֶּה, וּכְשֶׁמַּכְנִיסִין הַלִּמּוּד וְהַחִדּוּשׁ בְּתוֹךְ פֶּה, נִמְצָא שֶׁמְּדַבְּקִין רוּחַ הַצַּדִּיק שֶׁחִדֵּשׁ זֶה הַחִדּוּשׁ עִם רוּחַ מְמַלְּלָא, הַיְנוּ עִם הַדִּבּוּר הַלּוֹמֵד זֶה הַחִדּוּשׁ עַכְשָׁו, אז מיר לערנען א משנה אין משניות, מיר לערנען א דיבור, "אמר ר' עקיבא", "אמר ר' יוסי", ווען מען דערמאנט - דאס איז דאך זיין 'דיבור', און דארטן ליגט דאך זיין 'רוח פיו', ליגט דאך דארטן זיין 'רוח הקודש', און א מענטש רעדט - גייט דאך אריין מיין 'רוח פיו' אויך, 'מיין רוח פיו' מיט 'זיין רוח פיו' דאס איז א 'בחינת נשיקין', וְזֹאת הַהִתְדַּבְּקוּת רוּחָא בְּרוּחָא נִקְרָא נְשִׁיקִין.

נִמְצָא, כְּשֶׁלּוֹמְדִין אֵיזֶה הֲלָכָה שֶׁחִדְּשׁוּ הַתַּנָּאִים, עַל־יְדֵי־זֶה נִתְדַּבֵּק רוּחַ הַתַּנָּא עִם רוּחַ הַלּוֹמֵד, וְדוֹמֶה כְּאִלּוּ נוֹשֵׁק אֶת עַצְמוֹ עִם הַתַּנָּא.

אֲבָל תַּלְמִיד־חָכָם שֵׁד יְהוּדִי, כְּשֶׁלּוֹמֵד גְּמָרָא אוֹ פְּסַק־דִּין, איז דאך ביי אים אויך דא 'נשיקין', ער נעמט דאך זיין מויל, און ער נעמט די מויל פון דעם תנא - דעם 'דיבור', עָלָיו כָּתוּב: "נַעְתָּרוֹת נְשִׁיקוֹת שׂוֹנֵא", 'נעתרות' איז א לשון איבעריג, ס'איז מותרות, ס'איז איבעריג אזוי ווי איינער קושט זיך מיט א שונא, כִּי הַתַּנָּא אֵינוֹ יָכוֹל לִסְבֹּל רוּחוֹ שֶׁל תַּלְמִיד־חָכָם שֵׁד יְהוּדָאִין, כִּי מִי יָכוֹל לִסְבֹּל לְנַשֵּׁק אֶת עַצְמוֹ עִם נְבֵלָה, כָּל שֶׁכֵּן שֶׁנְּבֵלָה טוֹבָה הֵימֶנּוּ.

האט דער רבי געהאלטן מען זאל מאכן פון 'תורות' - 'תפילות', ווייל באמת איז עס דאך א געוואלדיגע זאך וואס דער רבי זאגט דא, "איך נעם דעם רוח פיו פונעם תנא - ווערט א בחינת נשיקין", געוואלד, ס'איז דאך א 'תנא', ווער דער תנא איז - מוז ער דאך ווען סובל זיין!

על כל פנים - מאך כאטש א 'תפילה', בעטן דעם אויבערשטן, 'געוואלד'!

פון די תפילה אליין - ווערט די 'תורה שבעל פה' מער חשוב'ער, איך בעט איך זאל מקיים זיין וואס איך לערן איצטער! - - -

❖

# כשנתחדש הלכה נתחדש שכל וידיעה

ס'איז געווען ביי אונזערע לייט וואס האבן גוט געלערנט, מתתי'![טו] מתתי' איז געווען א גרויסער 'למדן', א 'למדן עצום' געווען, ער איז געווען א בקי אין ש"ס, אין 'בבלי', 'ירושלמי', ער איז געווען א געוואלדיגער למדן.

פלעגט ער לערנען מיט אזא מין דביקות צום אויבערשטן, מיט אזא מין דביקות צום אויבערשטן, אז מען האט געזעהן ממש דער איד ברענט צום אויבערשטן ביים לערנען! געלערנט ט"ז מיט ש"ך, און מיט א 'קול', אזוי געווען דבוק אינעם אויבערשטן, אזוי ווי דער רבי זאגט דא, די 'שכינה'! די 'שכינה'!

יעדער 'דיבור' וואס ער רעדט איז דאס 'נפש', דאס איז די 'תורה'.

און די שכינה - מיט אזא אידן וויל זיך די 'שכינה' קושן! זי וויל האבן די 'נשיקין' מיט אזא מין אידן.

ס'איז נאך געווען אידן אין אומאן, גרויסע לומדים, וואס האבן געלערנט זייער - - -

מיר האבן עס געזעהן דער ענין פון 'וואס הייסט תורה'? בשעת איך לערן תורה, מיט וועמען בין איך זיך 'מדבק'? מיט וועמען האב איך א שייכות?! מען איז זיך מדבק מיט א 'רוח התנא'!

---

[טו] ר' מתתי' הכהן בארזעסקי ז"ל, מגדולי אנ"ש באומאן.

זאגט דער רבי טאקע: דורך אן 'הלכה' ווערט נתחדש א שכל און א ידיעה צום אויבערשטן![טז]

יעדע 'הלכה' - די 'הלכה' איז דאך א דיבור פונעם תנא, דאס איז דאך דער 'רוח פיו' פונעם תנא, ווערט א נייער 'שכל וידיעה' צום אויבערשטן.

❖

## שפתותיו דובבות בקבר

וַאֲפִלּוּ צַדִּיקִים שֶׁכְּבָר הָלְכוּ לְעוֹלָמָם, וּכְשֶׁאָנוּ לוֹמְדִין תּוֹרוֹתֵיהֶן, עַל־יְדֵי־זֶה נִתְדַּבֵּק רוּחָם בְּרוּחֵנוּ, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ ז"ל: 'שִׂפְתוֹתֵיהֶם דּוֹבְבוֹת בַּקֶּבֶר', וְזֶה עַל־יְדֵי בְּחִינַת נְשִׁיקָה.

איך האב נעכטן געלערנט 'עין יעקב', זאגט די גמרא דארטן אז "ר' אלעזר" איז געווען א תלמיד פון "ר' יוחנן" - א גמרא אין יבמות,[יז] האט ער נאכגעזאגט א מימרא פון ר' יוחנן און נישט דערמאנט ר' יוחנן'ס נאמען, האט ר' יוחנן מקפיד געווען וואס ער דערמאנט נישט זיין נאמען!

"עול לגביה רבי אמי ורבי אסי" - דארטן געוואלט עפעס (לפייסו), (אמר ר' יוחנן:) ער איז מיינער א חבר? ער איז דאך מיינער א תלמיד, ער איז נישט קיין חבר!

ס'איז אריינגעגאנגען דארטן (לר' יוחנן) "ר' יעקב בר אידי", האט ער אים געזאגט, אז 'יהושע' האט נאכגעזאגט פון 'משה' האט ער אייביג דערמאנט "כאשר צוה ה' את משה?" נאר אלע האבן געוואוסט אז וואס 'יהושע' זאגט איז אלעס 'מפי משה', האט ער נישט געדארפט תמיד דערמאנען 'משה', אלע וויסן יהושע - וואס ער לערנט איז אלץ 'מפי משה'!

אזוי אויך "ר' אלעזר" האט דערמאנט (שמועה שלך) - אלע וויסן "ר' אלעזר" איז אייער א תלמיד, און וואס ר' אלעזר האט געזאגט איז אלץ וואס ער האט געהערט פון אייך! - אזוי האט אים "ר' יעקב בר אידי" מפייס געווען.

---

[טז] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' ב' אות ב': כְּשֶׁנִּתְחַדֵּשׁ הֲלָכָה, נִתְחַדֵּשׁ שֵׂכֶל וִידִיעָה...

[יז] עי' יבמות דף צ"ו ע"ב.

זאגט די גמרא, פארוואס איז ר' יוחנן מקפיד? ר' יוחנן האט געדארפט האבן דעם 'כבוד'?! ער האט געוואלט ס'זאל זיין "שפתותיו דובבות בקבר"! אז מען וועט נישט זאגן די הלכה מפיו, מען וועט נישט דערמאנען זיין נאמען, וועט נישט זיין קיין "שפתותיו דובבות בקבר"!

❖

# לשנות מפני השלום...

(אחד הנוכחים: מען זאגט בשם דעם "חתם סופר", ער האט געזאגט: ס'ארט אים נישט מען זאל זאגן א הלכה משמו און מען זאל נישט דערמאנען זיין נאמען, אבער זאגן א הלכה משמו וואס ס'איז נישט משמו, דאס וויל ער נישט), **אה, דער רבי האט דאך אויך אזוי געזאגט: "איך האב געוואלט אז מען זאל רעדן פון מיר, שמועסן פון מיר, און נישט דערמאנען מיין נאמען! מיך ארט נישט יענער זאל בענטשן א ערנסט בענטשן ס'זאל זיין פון מיין כח, און מען זאל נישט וויסן אז ס'איז פון מיין כח!".**[יח]

**דאס קען זיין 'מגודל התנגדות', דער רבי האט געוואלט מזכה זיין די וועלט מיט זיינע דיבורים, און אז מען וועט דערמאנען דעם רבי'נס נאמען וועט מען דאך נישט וועלן הערן, האט דער רבי געזאגט, "זאל מען נישט דערמאנען מיין נאמען"!**

(ר' יעקב דב: ר' משה טשענסטכאווער פלעגט זאגן אויף דעם: "כל האומר דבר בשם אומרו מביא גאולה לעולם" - דאס איז נאר אז ער ברענגט א גאולה...), **דאס איז ר' ישראל טירהאוויצער'ס א ווארט - 'ווען ס'איז א מביא גאולה לעולם'!**

**אסאך מענטשן 'גרויסע מתנגדים' האבן הנאה געהאט - זיי האבן געהאט 'הרהורי תשובה', מען האט זיי נאכגעזאגט דיבורים פונעם רבי'ן און זיי האבן נישט געוואוסט פון וועמען מען זאגט!**

❖ ❖ ❖

---

[יח] עי' בשיחות הר"ן אות קמ"א בסופו, לגבי ענין התיקון הכללי וז"ל: "...וְאֶפְשָׁר שֶׁהָרַב הַנַּ"ל וְכַיּוֹצֵא מִגֹּדֶל תְּשׁוּקָתָם לְזַכּוֹת בָּהֶם אֶת הָרַבִּים בְּתִקּוּן גָּדוֹל כָּזֶה, וְיָדְעוּ שֶׁיֵּשׁ שֶׁנִּמְצָאִים מִתְנַגְּדִים וְחוֹלְקִים עַל רַבֵּנוּ ז"ל, עַל־כֵּן קִיְּמוּ בְּנַפְשָׁם מַאֲמַר חֲכָמֵינוּ ז"ל שֶׁמֻּתָּר לְשַׁנּוֹת בִּדְבַר הַשָּׁלוֹם. וּבִפְרָט בְּדָבָר גָּדוֹל וְתִקּוּן כָּזֶה. וְעַתָּה בִּין תָּבִין שֶׁצָּדְקוּ הַנֶּאֱמַר לְעֵיל שֶׁהֵם תִּקּוּן חָדָשׁ לְגַמְרֵי וְלֹא יָדַע מִזֶּה שׁוּם נִבְרָא מִימוֹת עוֹלָם, וְתֹאמְרֵם בְּשֵׁם רַבֵּנוּ ז"ל, בִּכְדֵי שֶׁשִּׂפְתוֹתָיו יִהְיוּ דוֹבְבוֹת וְכוּ', אֲשֶׁר כָּל הַצַּדִּיקִים מִתְגַּעְגְּעִים לָזֶה, וּמִזֶּה אֲשֶׁר אִלְצוּנִי לְגַלּוֹת כָּל הַנַּ"ל".

# וילך וישב לבן למקומו

דאס גרויסקייט פון יעקב אבינו זעהט מען דאך ארויס אין היינטיגע סדרא, ס'איז דאך א געוואלד, א געוואלד, א געוואלד!

אזא מין 'קליפה' ווי לבן איז געווען! 'עשו' האט דאך געוואלט הרג'נען יעקב'ן, ער האט דאך געווען געקענט אוועק קיין 'חרן'? 'עשו' איז געווען א גרויסער גיבור, פון די גרויסע גיבורים, פון די וועלט'ס גיבורים, דער תירוץ איז - פאר לבן'ען האט ער מורא געהאט!

'עשו' האט מורא געהאט פאר 'לבן', נישט מחמת 'לבן' איז געווען שטארקער פון אים אין גבורה, ער האט מורא געהאט פאר 'לבן' ווייל ער איז געווען א גרויסער 'מכשף', און די קליפות מיט די כישוף - דאס האט ער פאר אים מורא געהאט![יט]

און 'יעקב' איז אריינגעגאנגען צו אים און שטוב אריין, ארויסגענומען ביי אים די טעכטער, און מעמיד געווען י"ב שבטי י-ה, פון לבן'ס הויז!

❖

דער רבי רעדט טאקע ווייטער,[כ] אז 'לבן' איז די תורה שבעל פה פון דעם 'למדן' (-שלומד בלא דעת), דאס איז מכוון פונעם אויבערשטן, פארוואס שיקט דער אויבערשטער צו אז דער 'למדן' (בחינת 'לבן') זאל רעדן אויף יעקב'ן? וואס זאל 'לבן' רעדן אויף 'יעקב'ן?!

זאגט דער רבי אזוי, אז 'לבן' רעדט אויף יעקב'ן, יעקב איז זיך מתבונן אין די רייד וואס ער רעדט, פארוואס רעדט ער עפעס אזעלכע רייד?! ווייל די רייד נעמען זיך פון די 'תורה שבעל פה', ער האט געלערנט 'אזא תורה שבעל פה' - ווערן 'די רייד', נעמט ער ארויס פון אים זיין 'תורה שבעל פה', ממילא פאלט ער איינגאנצן!

[יט] (עי' אור החיים הק' פרשת ויצא כ"ז מ"ג)

[כ] עי' ליקוטי מוהר"ן שם להלן אות ד': וְדַע, שֶׁזֶּה מְכֻוָּן מֵאֵת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁהַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא מַפִּיל אֵיזֶה צַדִּיק גָּדוֹל בְּפִיו שֶׁל הַלַּמְדָן, הַיְנוּ הַלַּמְדָן דּוֹבֵר רָעוֹת עַל הַצַּדִּיק, כְּדֵי שֶׁהַצַּדִּיק יִקַּח הַתּוֹרָה שֶׁבְּעַל־פֶּה, הַיְנוּ הַשְּׁכִינָה, מֵהַגָּלוּת שֶׁבְּפֶה הַלַּמְדָן, וּמַעֲלֶה אוֹתָהּ לְשָׁרְשָׁהּ ...

אז יעקב האט ארויסגענומען פון לבן'ען די 'י"ב שבטי י-ה' האט ער (דערמיט) ארויסגענומען פון אים די 'תורה שבעל פה', איז פון אים גארנישט געבליבן.

עס שטייט טאקע אין דעם היינטיגן מדרש,[כא] דארטן אין סוף, "**ויברך אתהם וילך וישב לבן למקומו**",[כב] זאגט דער מדרש, אז די נאכט איז אריין צו אים דארטן ווער ס'איז אריין, און האט ביי אים צוגענומען די גאנצע שאף וואס ער האט געהאט דורך יעקב'ן, און ער איז געבליבן מיט נאר אזוי ווי וויפיל ער האט געהאט ווען יעקב איז געקומען צו אים, מער האט ער נישט געהאט! 'וישב לבן למקומו'!

מיט 'דער תורה' איז עס גוט מבואר, די גאנצע 'תורה שבעל פה' האט ער דאך ארויסגענומען ביי אים צוריק, דאס וואס 'לבן' האט אזוי געלאקערט אויף יעקב'ן, געוואלט אויסרייסן יעקב'ן, דאס איז געווען א מכוון פונעם אויבערשטן כדי ער זאל ביי אים ארויסנעמען די 'טעכטער' - ארויסגענומען ביי אים 'תורה שבעל פה'.

ער האט דאך ארויסגענומען 'רחל ולאה' פון אים, 'רחל' איז דאך 'תורה שבעל פה' זאגט דער רבי דא, און 'לאה' איז דאך 'תפלה', האט ער אלץ ארויסגענומען פון אים, ממילא איז דאך רעכט 'וישב לבן למקומו', נאר אזוי וויפיל פריער!

די אלע שאף - מאכט א חשבון די מדרש - ער האט געהאט עפעס 'מיליאנען שאף', יעדן חודש איז אים צוגעקומען 'טויזנט אקסן', און 'טויזנט בהמות', און 'טויזנט ציגן', א חשבון וויפיל ער האט ארויסגענומען, 'מיליאנען' האט ער געהאט, א געוואלד האט ער געהאט שאף, און דאס אלץ איז געווען דורך יעקב'ן.

זאגט דער מדרש, 'וישב לבן למקומו', אז די נאכט איז מען אריינגעקומען און מען האט ביי אים צוגענומען אלעס! ער איז נאר געבליבן נאר 'למקומו', אזוי ווי ער איז געווען פריער און שוין.

דאס איז א מכוון פונעם אויבערשטן, אז דער 'לבן' זאל רעדן אויפן 'צדיק', דער צדיק איז זיך מתבונן פון וואספארא הלכות עס ווערט זיין 'רעדן', נעמט ער ביי אים ארויס די 'תורה שבעל פה'.

❖

---

[כא] בראשית רבה, ע"ד ט"ז.

[כב] פרשת ויצא ל"ב א'.

# ושמעת מלכותא וקטלה

דער רבי ברענגט טאקע,[כג] 'ושמעת מלכותא וקטלה', דער רבי טייטש עס אריין אין דעם 'רבה בר בר חנה'. 'מלכותא' מיינט מען די 'תורה שבעל פה', דאס איז די 'יין מלכות רב', 'ושמעת' - דער צדיק הערט זיך איין פון די 'תורה שבעל פה', 'וקטלה' - דערמיט הרג'עט ער אים אוועק! ער הערט - ער נעמט ארויס ביי אים די 'תורה שבעל פה'!

און מיט וואס הערט ער די 'תורה שבעל פה'? ווייל ער רעדט אויף אים! ווען ער זאל נישט רעדן - דער 'לבן', וואלט ער נישט געהערט. ווייל ער רעדט אויף אים, הערט ער דאך די 'תורה שבעל פה', דערמיט 'וקטלה' - הרג'עט ער אים אוועק, ער נעמט אים אום דאס חיות.

דער רבי זאגט דארטן, 'ולא נטפי מניהו נטפא לארעא', אפילו 'איין טראפ' איז נישט אראפ אויף דער ערד, ער האט ביי אים ארויסגענומען די גאנצע 'תורה שבעל פה', איין 'טראפ' - איין 'טיפה', 'יין' דארטן מיינט מען 'תורה שבעל פה', 'יין מלכות רב', קיין איין טראפ איז נישט אראפ אויף דער ערד, אלעס האט ער ארויסגענומען פון אים! דאס איז דער אמת'ער צדיק!

דערפאר גיט מען טאקע אים א לייג לבן'ען, אנדערע האט מען נישט געקענט געבן לבן'ען, פאר וועמען האט מען געגעבן זיך צו שלאגן מיט לבן'ען? יעקב'ן! ער קען דאס, ארויסנעמען ביי אים!

❖

# אפגעדריקט דעם פשט אין גילדענע אותיות

ר' נתן איז געווען א געוואלדיגער למדן אין 'נגלה', א גאון געווען, א גאון עולם, ר' נתן האט געהאט א חבר האט ער געוואוינט אין 'אדעס' "ר' ראובן'לע אדעסער", ער איז געווען דער רב פון אדעס, ער איז געווען פון די וועלט'ס גדולים, קינדערווייז זענען זיי געווען חברים ביידע, און ר' ראובן'לע האט געהערט אז ר' נתן איז געווארן א

[כג] עי' ליקוטי מוהר"ן שם, בסופו.

חסיד, ער איז דאך געווען פון די גאונים פון די וועלט, די ליטווישע גאונים, (חשב לעצמו) 'מסתם האט ער פארגעסן דאס לערנען'.

אז ר' נתן איז געפארן אויף 'ארץ ישראל' איז ער דאך געווען אין אדעס, ער איז שוין אין אדעס וועט ער אריינגיין צום רב, זיינער א חבר, אריינגיין צו ר' ראובן'לען, ער איז אריינגעגאנגען צו אים, נו האט ער דערזעהן דעם חבר, זייער דערפרייט מיט אים, זאגט ער: געדענקסטו כאטש דאס לערנען? זאגט ער אים 'יא', "נו וועל איך דיר פרעגן א ט"ז" -

אין 'תחומין' איז דא גרויסע שווערע ט"ז'ן, אין תחומין זאגן זיי - די גאנצע וועלט ווייסט אז די ט"ז'ן אין תחומין, לומדים ברעכן זיך די קאפ אין דעם ט"ז, האט ער געפרעגט א ט"ז פון 'תחומין', אז ער זאל אים זאגן דעם ט"ז!

ר' נתן איז ארויס אין א באזונדערן חדר, און ער האט זיך אביסל מיישב געווען, און ער האט אים געזאגט דעם פשט פונעם ט"ז! האט ער אזוי געזאגט - ר' ראובן'לע" **"ווען איך זאל האבן די יכולת וואלט איך אפגעדרוקט דעם פשט דיינעם אין גאלדענע אותיות!"** - אזוי האט ער אים געזאגט אז ר' נתן האט אים געזאגט דעם ט"ז.

נאר וואס דען? וואספארא חילוק איז געווען פון פריער? דער לערנען וואס ס'איז געווען ביי ר' נתן'ען אז ער איז געווארן מקורב צום רבי'ן - איז א אנדער לערנען! איז א 'אנדער' לערנען! א אנדערע לעכטיגקייט, א אנדער לערנען.

❖

# איז געקומען דער 'מגן אברהם' און מיר געזאגט

ער האט זיך אמאל געשפארט אמאל - "ר' עקיבא וועלוול",[כד] ער איז געווען פון 'נעמירוב', א גרויסער למדן געווען, (ר' משה בינענשטאק: דער וואס האט געלערנט 'מגינים' אויסעווייניג?) יא יא. האט אים ר' נתן אמאל געזאגט: **"דו שפארסט זיך מיט מיר?! איך האב נישט געוואוסט א שטיקל 'מגינים', איז געקומען דער 'מגן**

[כד] ר' עקיבא זאב מנעמירוב ז"ל, מחשובי מקורבי מוהרנ"ת ז"ל.

**אברהם', און ער האט מיר געזאגט!", - אזוי האט ר' נתן געזאגט צו ר' עקיבא** ווערלוול, "איז געקומען דער 'מגן אברהם', ער האט מיר געזאגט פשט".

**וואס איז דער חילוק פון דאס "התקרבות צום רבי'ן" צו "דאס התקרבות פעלט"? איז דען דא אנדערע 'תפילין'? צו אנדערע 'ציצית'? דאס אייגענע, נאר דאס 'געשמאקייט', און דאס 'חיות', און דאס 'פנימיות' איז נישטא, דאס איז נישטא!**

❖

# זאלסט ווען הערן דעם אידן זאגן די 'הלכה'

איך בין געווען אין 'ברסלב', איך בין געווען ביי "ר' נתן'ס קלויז" האט מען עס גערופן, איז געווען א טיש, און דער טיש איז געווען נאך ביי ר' נתן'ען, ביי דעם טיש האט ר' נתן געזאגט די 'הלכות' (שבלקוטי הלכות) 'שלוש סעודות'! ס'איז געווען א פראסטער טיש, נישט פון די היינטיגע טישן דארטן א געפוצטער טיש, א 'פראסטער טיש'.

פלעגן זיי זאגן דארטן: "**אויף דעם טיש האט ר' נתן געזאגט די הלכות!**", איך האב נאך געהאט מענטשן אין ברסלב אויך וואס האבן געקענט ר' נתן'ען.

**האבן זיי געזאגט אז "דער ברען מיט די התלהבות בשעת רבי נתן האט געזאגט די הלכות, האט מען נישט געקענט אויסמאלן, 'פייער' האט געברענט! ס'איז געגאנגען פייער פון די מויל!".**

מיר מאלן זיך אויס, מיר מאלן זיך אויס - - -

❖

ער האט געזאגט טאקע אמאל "ר' משה ברסלב'ער" - איך האב עס געהערט פון "ווערלוול'ען", ווערלוול איז געווען "הערש לייב'ס" רבי, ער איז מקורב געווארן אסאך פריער, און ער האט נאך געקענט גוט "ר' משה ברסלב'ער".

"ר' משה ברסלב'ער" איז געקומען קיין אומאן, געווען ביים רבי'ן אויפן ציון, אסאך פארבראכט, נאכדעם איז ער געקומען אין קלויז אריין, האט ער גענומען דעם 'לקוטי

הלכות' און געלערנט ליקוטי הלכות, און ארום געגאנגען ארום די בימה און געלערנט לקוטי הלכות מיט אן התלהבות.

ער איז א 'למדן' געווען א גרויסער, און "וועלוול" שטייט און קוקט, ער ווייסט אז דער ר' משה איז א גרויסער למדן, און לערנט אזוי 'לקוטי הלכות' - לערן א 'גמרא'?!

**זאגט ער: "אינגעלע, דו קוקסט אזוי, ווען זאלסט געווען הערן דעם אידן זאגן די הלכה! איך האב דעם אידן געהערט זאגן די הלכה, מיט וואספארא ברען ער האט געזאגט די הלכה, מיט וואספארא א התלהבות ער האט געזאגט די הלכה!".**

איי איי, ר' נתן איז א סוד, ער איז גאר א סוד!

❖

# 'רחל' בחינת תורה שבעל פה

(ממשיך בליקו"מ) **וְזֶה בְּחִינַת 'וַיִּשַּׁק יַעֲקֹב לְרָחֵל וַיִּשָּׂא קֹלוֹ וַיֵּבְךְּ'**, די תורה הקדושה איז דאך אלץ - אזעלכע פסוקים איז דא אין די תורה הקדושה, דער רבי ברענגט טאקע וייטער[כה] - ס'איז דא "ופושעים יכשלו בם", א 'וישק יעקב לרחל'.

דער רבי טייטשט אז ס'מיינט גאר עפעס אנדערש! אבער פארוואס שטייט עס? די תורה הקדושהווארפט אריין א ווארט, ועסטו זיין א 'זכה' קענסטו פון דעם פסוק נתעורר ווערן, וואס דא ליגט אין דעם פסוק 'וישק יעקב לרחל', עפעס א געוואלד, אז נישט - וועסטו ווערן דערוייטערט פון דעם פסוק, 'יכשלו בם'.

אין די תורה הקדושה שטייט א מעשה פון "ראובן'ען", א מעשה פון "יהודה", אלץ די 'תורה הקדושה', ס'איז אלץ צו וויזן "צדיקים ילכו בם, ופושעים יכשלו בם".

זאגט דער רבי אזוי, **פֵּרֵשׁ רַשִׁ"י: 'שֶׁצָּפָה בְּרוּחַ־הַקֹּדֶשׁ שֶׁאֵינָהּ נִכְנֶסֶת עִמּוֹ לִקְבוּרָה'**, אז רחל וועט נישט זיין בקבורה מיט אים, וואס הייסט רחל וועט נישט זיין בקבורה?

---

[כה] אות ב'.

זאגט דער רבי אזוי, רָחֵל - בְּחִינַת תּוֹרָה שֶׁבְּעַל־פֶּה, שֶׁהִיא כְּרָחֵל לִפְנֵי גוֹזְזֶיהָ, שֶׁהַכֹּל גּוֹזְזִין וּפוֹסְקִין מִמֶּנָּה הֲלָכוֹת, אזוי ווי פון א שעפעלע האלט מען אין איין שערן וואל, און ס'וואקסט ווייטער וואל, אלע שערן 'הלכות' פון די 'תורה שבעל פה' נאכאמאל און נאכאמאל, און ס'הערט זיך נישט אויף, אזוי איז די 'תורה הקדושה', 'ארוכה מארץ מידה', ס'לאזט זיך דאך נישט אויס, 'כרחל לפני גוזזיה', 'רחל' איז די 'תורה שבעל פה'.

וְהֵם נַעֲשִׂים לְבוּשִׁין, פון די וואל מאכט מען דאך לבושים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "כְּבָשִׂים לִלְבוּשֶׁךָ", קומט אויס אז די 'תורה שבעל פה' דאס איז די 'לבושים', דאס איז 'רחל', כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "שִׂמְלָה לְכָה קָצִין תִּהְיֶה לָּנוּ", כְּשֶׁאָדָם כָּשֵׁר לוֹמֵד תּוֹרַת הַתַּנָּא, אֲזַי הַתַּנָּא נוֹשֵׁק אוֹתוֹ וְהוּא נוֹשֵׁק הַתַּנָּא, וְגוֹרֵם תַּעֲנוּג גָּדוֹל לְהַתַּנָּא, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: 'שִׂפְתוֹתָיו דוֹבְבוֹת בַּקֶּבֶר' וְכוּ'.

❖

וְזֶה בְּחִינַת: וַיִּשַּׁק יַעֲקֹב - הוּא הַתַּנָּא, לְרָחֵל - הִיא הַתּוֹרָה שֶׁבְּעַל־פֶּה שֶׁחִדֵּשׁ, דאס איז די תורה שבעל פה וואס ער האט ארויסגערעדט מיט זיין מויל, שֶׁנָּשַׁק וְדִבֵּק אֶת רוּחוֹ בְּרוּחַ־הַקֹּדֶשׁ שֶׁבַּשְּׁכִינָה. דא איז אנדערש, די 'נשיקין' איז אנדערע 'נשיקין', פריער רעדט דער רבי 'נשיקין' פון דעם 'צדיק המחדש' מיט דעם 'צדיק הלומד', דא ברענגט דער רבי אנדערע נשיקין, דער 'צדיק' מיט די 'תורה שבעל פה', 'רחל' איז די 'תורה שבעל פה', און 'יעקב' איז דער 'תנא' וואס ער איז מחדש.

וַיֵּבְךְּ - פארוואס האט ער געוויינט? שֶׁצָּפָה בְּרוּחַ־הַקֹּדֶשׁ שֶׁלּוֹ, שֶׁהוֹצִיא מִפִּיו וְהִכְנִים בְּתוֹךְ הַתּוֹרָה שֶׁבְּעַל־פֶּה, וְרָאָה שֶׁבַּגָּלוּת הַזֶּה עַל־פִּי הָרֹב הַלּוֹמְדִים אֵינָם הֲגוּנִים; נִמְצָא שֶׁעַל־יְדֵי לִמּוּדָם שֶׁיִּלְמְדוּ לֹא תִּכָּנֵס רוּחַ־הַקֹּדֶשׁ שֶׁל רָחֵל, שֶׁל תּוֹרָה שֶׁבְּעַל־פֶּה, לִקְבוּרָה, שֶׁאֵין שִׂפְתוֹתָיו דוֹבְבוֹת בַּקֶּבֶר עַל־יְדֵי לִמּוּדוֹ שֶׁל רָשָׁע.

אז דער וואס ער לערנט - לערנט 'בקדושה ובטהרה' אזוי ווי מען האט פריער געלערנט, גייט זי אריין לקבורה, דאס איז אינגאנצן זיין חיות, האט דאס יעקב געוויינט, ער האט געזעהן אז על פי רוב די 'לומדים' - דאס איז די 'רחל', רחל איז

'תורה שבעל פה', ווען נישט אריינגיין מיט אים לקבורה, ווייל די לומדים וועלן נישט זיין לומדים הגונים, וְעַל־יְדֵי־זֶה וַיֵּבְךְּ עַל גָּלוּתוֹ, וואס ער וועט זיין אין גלות - די תורה שבעל פה.

נו, אז דער רבי גיט אזא טייטש, 'וישק יעקב לרחל', דאס איז די 'נשיקין'!

❖

אין זוהר שטייט,[כו] אז די פרשה פון 'בן סורר ומורה', האט זיך משה רבינו געבעטן ביים אויבערשטן, דער אויבערשטער זאל נישט שרייבן דאס אין די תורה, אזוי שטייט אין זוהר. דער אויבערשטער האט געגעבן א וואונק צו א 'מלאך', ער זאל אים זאגן דעם סוד פון 'בן סורר ומורה', דער מלאך האט אים געזאגט דארטן, נו אזוי? שטעל אריין, זאל שוין יא שטיין!

די 'תורה הקדושה', דאס איז ממש - מען גיט יעדעם איינעם "נו האסטו", ווילאנג דער מאמר איז 'נעלם' און מען ווייסט נישט קיין פשט, און על פי פשטות קען מען רח"ל ווערן פון די 'פושעים יכשלו בם', אבער די תורה שטעלט עס אריין, ווען זוכה זיין - וועסטו זיך האלטן! אדרבה, וועסט ווערן נענטער, אז דו ווייסט נישט - פון נישט וויסן וועסטו נאך מער נתעורר ווערן!

די תורה איז אזוי גרויס, אז איך ווייס 'גארנישט', איך דארף נאר 'גלויבן',[כז] און אז נישט - דו ווילסט יא וויסן, דו ווילסט פארשטיין, גיי, גיי דיר! (היינו: יש בחירה להיות מהפושעים יכשלו).

❖

[כו] פרשת בלק דף קצ"ח ע"א.

[כז] עי' כעי"ז בשיחות הר"ן סוף אות קנ"א: אָמַר לְעִנְיַן הַסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת שֶׁסִּפֵּר, שֶׁטּוֹב יוֹתֵר הָיָה לִבְלִי לְגַלּוֹת בָּהֶם שׁוּם רֶמֶז לְהֵיכָן הֵם מְרַמְּזִין, כִּי כְּשֶׁהַדָּבָר נִסְתָּר יְכוֹלִין לִפְעֹל בּוֹ יוֹתֵר מַה שֶּׁצְּרִיכִים, אַךְ הוּא מֻכְרָח לִפְעָמִים לְגַלּוֹת אֵיזֶה רֶמֶז בְּעָלְמָא לְמַעַן יֵדְעוּ שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם דְּבָרִים נִסְתָּרִים.

# ללמוד תורה לשמה

דער רבי רעדט דאך דא פונעם לימוד (ללמוד בקדושה וכו'), אין 'סדר הלימוד' האט דער רבי געוואלדיג מקפיד געווען - דער רבי האט נישט געהאלטן פון דעם לימוד פון די 'וועלט' (- שלומדים בלי 'דעת' ובלי תפילה על זה).

היינט זעהט מען דאך וואס ס'איז געווארן דערפון, מען לערנט גארנישט! דער 'אמת' וואס ליגט אין די תורה, דער 'מאור שבה שמחזיר למוטב' האט מען אינגאנצן אוועקגעלייגט!

דער 'המאור שבה מחזיר למוטב' - טאקע דער וואס ס'איז ביי אים געווען 'תורה' איז געווען א 'קדוש', א געוואלדיגער הייליגער מענטש, געוואלדיגע יראי השם, דאס איז די תורה, דאס איז תורה! די תורה הקדושה - דער אור פון די תורה איז מזכך דעם מענטשן, ער האט אן אנדער גוף, אנדערע אויגן, א אנדער מח, א אנדער מויל! - דאס איז תורה.

און ווען גיט ארויס די תורה אירע כוחות? אז דער לימוד גייט אויף אזא אופן אזוי ווי דער רבי האט געהאלטן (- לעשות מתורה תפילה).

טאקע די פריערדיגע דורות דארטן, בימי התנאים, קען זיין אז זיי האבן נישט באדארפט האבן - די תורה אליין איז געווען ביי זיי אזוי פיל הייליג, אז די תורה אליין האט זיי מזכך געווען, 'רבי שמעון בר יוחאי', "תורתן אומנותן",[כח] די תורה איז געווען ביי זיי אזוי הייליג אז זיי האבן אפשר נישט געדארפט האבן - זיי זענען געווען פטור פון תפילה, די תורה אליין איז געווען ביי זיי 'אלוקות', אבער די לעצטיגע דורות מוז מען שוין אנקומען - מוז מען שוין מאכן א צירוף מיט תפילה צוזאמען.

אבער די תורה לערנען - א איד איז מחויב צו לערנען תורה, 'תורתו לשמו', עפעס צוליב 'מיינעט וועגן' לערן איך תורה?! איך לערן פאר 'מיינעט וועגן'? איך זאל ווערן א 'רב', איך זאל ווערן א 'רבי'? דערפאר לערן איך תורה?![כט]

---

[כח] מסכת שבת דף י"א ע"א, ועי' ליקוטי הלכות הל' תפלה ג' אות ג'.

[כט] עי' ליקוטי הלכות הל' תלמוד תורה ג' אות ב': ... וְעִקַּר הֶעָמָל וְהַיְגִיעָה שֶׁצְּרִיכִין לַעֲמֹל וּלְהִתְיַגֵּעַ הַרְבֵּה בַּתּוֹרָה הוּא רַק בִּשְׁבִיל לְבָרֵר עֵסֶק הַתּוֹרָה שֶׁיִּהְיֶה הַלִּמּוּד לִשְׁמָהּ לַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לְיוֹצְרוֹ יִתְבָּרַךְ ... וּמֵחֲמַת זֶה כָּל מִי שֶׁרוֹצֶה לַעֲסֹק בַּתּוֹרָה בֶּאֱמֶת וְלִזְכּוֹת לְכִתְרָהּ שֶׁל תּוֹרָה, לִזְכּוֹת עַל-יְדֵי הַתּוֹרָה לְחַיֵּי עוֹלָם לְהִתְדַּבֵּק

די 'תורה הקדושה' דארף מען לערנען, דאס איז 'תורה לשמה', מען דארף 'איר' לערנען, און דאס איז אלעס!

אלעס איז תורה, די "גמרא" איז תורה, און "ארבעה שלחן ערוך'ס" איז תורה, "מדרש" איז תורה! אלעס איז תורה, מען דארף אלעס לערנען! דאס איז מזכך דעם מענטשן, דאס איז מטהר דעם מענטשן, ער האט א אנדער חלק אין די תורה גאר.

❖

## חותמו של הקב"ה 'אמת'

ר' נתן איז געווען דארטן אין 'בראד', ס'איז געווען דארטן א קלויז פון די גאונים, זיי האבן געוואוסט פון ר' נתן'ען, און זיי האבן געוואוסט ווערנס איידעם ער איז, האבן זיי אים אויך עפעס ארייגעמישט דארטן, האט ר' נתן נאכדעם געזאגט אז "לערנען קענען מיר! **פארוואס הייסן זיי 'גאוני ארץ'? ווייל די גאות פון די וועלט איז ביי זיי!**".

האט ר' נתן דעמאלט נאך געזאגט! און זיי זענען געווען גאונים, גדולים, האט ר' נתן געזאגט אויף זייער לערנען, "פארוואס הייסן זיי גאוני ארץ? ווייל די גאות פון די וועלט איז ביי זיי", וואס זיי זענען יא געווען גדולים!

אבער עפעס דער אמת וואס ר' נתן האט געפילט ביים רבי'ן, דער אמת וואס ליגט ביים רבי'ן אין יעדער זאך, דאס האט ער געזעהן, די וועלט האט עס נישט! די וועלט האט עס נישט!

ער איז געווען א למדן פריער, אלעס געווען פריער, אז ער איז געווארן מקורב צום רבי'ן האט ער עפעס אזא מין אמת דערפילט, אז ער האט געזעהן - געוואלד געוואלד, "וואו וואו?! די וועלט ווייסט דאך נישט פון דעם אמת!".

---

בְּקוֹנוֹ אֲשֶׁר זֶה תַּכְלִית עֵסֶק הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, הוּא צָרִיךְ לְהִתְיַגֵּעַ מְאֹד בְּעֵסֶק הַתּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה לְבָרֵר וּלְהַכְנִיעַ בְּחִינַת אֲחִיזַת וּפִשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם, דְּהַיְנוּ הַמַּחֲשָׁבוֹת שֶׁל גַּסּוּת וּפְנִיּוֹת וְהָעַרְמִימִיּוּת שֶׁרוֹדֵף אַחֲרֵי מַחֲשַׁבְתּוֹ וְרוֹצִים לְהַטּוֹת לְבָבוֹ מִן הָאֱמֶת ח"ו, לַעֲסֹק בַּתּוֹרָה בִּשְׁבִיל כָּבוֹד וְגַסּוּת בִּשְׁבִיל שֶׁיִּתְקָרֵי רַבִּי, בִּשְׁבִיל שֶׁיִּהְיֶה רַב בְּאֵיזֶה קְהִלָּה אוֹ מוֹרֶה הוֹרָאָה אוֹ לִהְיוֹת מְפֻרְסָם וְלוֹמַר תּוֹרָה בִּסְעֻדָּה שְׁלִישִׁית וּלְהַנְהִיג הָעוֹלָם וּלְהַרְבּוֹת כְּבוֹדוֹ כַּנָּהוּג עַכְשָׁו וְכַיּוֹצֵא בְּאֵלֶּה ...

און 'דער' אמת האט ער אריינגעלייגט אין יעדע זאך, מען זעהט דאך אין די 'מכתבים', אזא מין אמת ליגט אין די מכתבים אז ס'איז א געוואלד, אין די מכתבים ליגט א געוואלדיגער אמת.

און אין די 'תפילות' ליגט אזא מין אמת! און אין די 'הלכות' ליגט דארטן עפעס א מין אמת, א חוץ וואס דארטן איז חידושים, אזא מין אמת ליגט דערינען!

און אז 'אמת' - דאס איז דער אויבערשטנ'ס 'חותם', דעם אויבערשטנ'ס 'חותם' איז 'אמת', דער אויבערשטער האט דאס ליב.[ל]

❖

# לחדש בתורה

דער רבי האט געזאגט ר' נתן'ען, ער האט אים אנגעזאגט א ציווי, ער זאל אלע טאג 'מחדש זיין'! איז געווען אמאל א טאג וואס ר' נתן האט נישט געקענט מחדש זיין, איז ער אוועק אין פעלד, און ער האט דארטן זיך גוט אויסגערעדט פארן אויבערשטן, און ער האט געזאגט: **"איך האב אויסגעקוועטשט פונעם קליינעם פינגער - האב איך אויסגעקוועטשט תורה!"**.

ער האט געהאט א ציווי פונעם רבי'ן ער זאל אלע טאג מחדש זיין, האט ער געמוזט מחדש זיין, האט ער געמוזט פאלגן דעם רבי'ן, און אמאל מאכט זיך - ס'מאכט זיך 'הלכות', ס'רעדט זיך, און אמאל 'נישט', "אויסקוועטשן א חידוש פונעם קליינעם פינגער!", אמאל גייט א חידוש פונעם מח, אבער עפעס - האט ער אויסגעקוועטשט א חידוש!

❖

# דער "גרויסער ר' דוד צבי" - חותן מוהרנ"ת

(אחד הנוכחים: ר' נתן אין הלכות ריבית הלכה ה' רעדט ער דארטן וועגן די מתנגדים, דער "אמת" און דער "אמת'ער אמת", רעדט ער דארטן וועגן זיין 'שווער' אויך -)[לא] **יא יא.**

---

[ל] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ט' אות ג': **...וְעִקַּר הִשְׁתּוֹקְקוּת שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֵינוֹ אֶלָּא אֶל הָאֱמֶת...**

**דער רבי האט געזאגט צו ר' נתן'ען: "דיין שווער איז א צדיק!",[לב] אוודאי אזוי, ער האט געוואוסט דאס גרויסקייט.**

**ר' נתן ברענגט טאקע, בשעת ס'איז געבוירן געווארן "ר' יצחק", ברענגט ער דארטן אין ימי מוהרנ"ת,[לג] תקס"ח ערב פסח איז געבוירן געווארן ר' יצחק, און "ר' דוד צבי"** (חותן מוהרנ"ת) **איז געווען שלאַף, אין 'מאהלוב' איז ער געבוירן געווארן, ברענגט ער דארטן: "חותני הצדיק[לד] - האט נישט געקענט אריינגיין זיין סנדק", ווייל ער איז געווען שלאף, און נאך פסח איז ער נפטר געווארן.**

**ברענגט ער דארטן אין ימי מוהרנ"ת, 'חותני - הצדיק'.**

**א געוואלדיגער מענטש איז ער געווען, ער איז געווען א הויכער סארט מענטש.**

**ער האט געלערנט 'אכט יאר' פון זיין טאטן תורה נאך די הסתלקות! ער איז אלט געווען א קינד פון 'זעקס זיבן יאר', האט די רביצן געוויינט: "ווער וועט מיט אים לערנען?!", איז ער געקומען צו אים אלע נאכט, ער האט מיט אים געלערנט, אכט יאר צייט איז ער געקומען - ר' דוד צבי'ס טאטע, ער האט געלערנט מיט אים אלע טאג תורה, תורה פון הימל!**

**וואספארא 'אמת' דאס איז, וואספארא 'תורה' דארטן איז!**

**זעהט מען וואספארא סארט מענטש דער "ר' דוד צבי" איז געוועזן, אז ער האט זוכה געווען צו לערנען מיט זיין טאטן אכט יאר לאחר הסתלקותו.**

---

[לא] עי' ליקוטי הלכות הל' רבית ה' אות כ': ... שֶׁגְּדוֹלֵי הַלּוֹמְדִים שֶׁחָלְקוּ עַל גְּדוֹלֵי הַחֲסִידִים, גַּם כֵּן הָיוּ רֻבָּם צַדִּיקִים גְּדוֹלִים אֲמִתִּיִּים, וְכָל מַחֲלָקְתָּם עַל גְּדוֹלֵי הַחֲסִידִים שֶׁהָיוּ צַדִּיקִים קְדוֹשִׁים וְנוֹרָאִים מְאֹד, הָיָה רַק מֵחֲמַת הָאֱמֶת, שֶׁגְּדוֹלֵי הַלּוֹמְדִים אָמְרוּ שֶׁהָאֱמֶת אִתָּם וְשֶׁגְּדוֹלֵי הַחֲסִידִים רְחוֹקִים מֵהָאֱמֶת, כִּי עוֹבְרִים עַל תּוֹרַת אֱמֶת, כַּאֲשֶׁר גַּם אָנֹכִי שָׁמַעְתִּי בְּעַצְמִי בְּאָזְנֵי הַרְבֵּה מְאֹד מֵהַטְּעָנוֹת שֶׁלָּהֶם, (בִּפְרָט מִפִּי חוֹתְנִי הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק מוֹרֵנוּ הָרַב דָּוִד צְבִי זַצַ"ל, שֶׁהָיָה צַדִּיק גָּדוֹל כַּמְפֻרְסָם, וְחָלַק הַרְבֵּה עַל גְּדוֹלֵי הַחֲסִידִים וְהַכֹּל מֵחֲמַת הָאֱמֶת שֶׁלּוֹ) ... עַל-כֵּן אַף-עַל-פִּי שֶׁכַּוָּנָתָם אֱמֶת, אֲבָל קִטְרוּג הַמַּלְאָכִים נִתְלַבֵּשׁ בָּהֶם דַּיְקָא, עַד שֶׁהָאֱמֶת דַּיְקָא מַטְעָה אוֹתָם לְקַטְרֵג וְלַחֲלֹק עַל גְּדוֹלֵי קְדוֹשֵׁי הַצַּדִּיקִים הַנַּ"ל ... שֶׁכָּל תִּקּוּנוֹ בְּזֶה הָעוֹלָם דַּיְקָא עַל-יְדֵי גְּדוֹלֵי הַצַּדִּיקִים שֶׁעוֹמְדִים בְּנִסְיוֹנוֹת רַבִּים וַעֲצוּמִים, אֲשֶׁר רַק הֵם זוֹכִים אֶל נְקֻדַּת הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ וְעַל יָדָם אֱמֶת מֵאֶרֶץ תִּצְמָח...

[לב] עי' שיש"ק הנדמ"ח ח"ב אות י"ג.

[לג] אות כ"ז.

[לד] שם אות כ"ו.

פונדעסטוועגן האט ר' נתן געוואוסט אז דער רבי פעלט אים! פון דעם רבי'ן האט ער נישט!

"דער גרויסער ר' דוד צבי" האט מען אים גערופן, הונדערטער רבנים פלעגן שטיין פאר אים מיט א ציטערניש, א חוץ וואס ער איז געווען א 'גאון עולם', א געוואלדיגער מענטש געווען, א קדוש געווען, א 'הימל איד' איז ער געווען, א הימל מענטש, פערציג יאר איז ער נישט געשלאפן אין קיין בעט, ער איז א הייליגער מענטש געווען.

און ער האט געוואוסט ווער "ר' נתן" איז, ער האט געקענט ר' נתן'ען, ער האט ר' נתן'ען אויך געקענט, פונדעסטוועגן האט ר' נתן געזעהן אז דער רבי פעלט אים, דעם רבי'ן האט ער נישט!

(רמ"ב שואל על איזה מעשה עם גביר שחשד את מוהרנ"ת שגנב ממנו כלי זהב, ור' דוד צבי החרימו על שחשד מוהרנ"ת למעשה כזו - מובא בשיש"ק הנדמ"ח ח"ב אות י"ד) פון וועם האסטו דאס געהערט? (רמ"ב: ר' אליהו חיים רוזין) איך האב עס קיינמאל נישט געהערט, איך ווייס נישט, לא ראינו אינו ראי'...

(רמ"ב: דער עיקר אז ער האט געוואוסט ווער ר' נתן איז), אוודאי האט ער געוואוסט, ער האט געוואוסט ווער ר' נתן איז, הכלל, ס'איז דא דארט א גאנצע מעשה, ער האט גערעדט מיט די טאכטער (אשת מוהרנ"ת, ושאל אותה אודות הנהגות מוהרנ"ת בביתו ומאוד מצא חן בעיניו),[לה] ער האט געוואוסט ווער ר' נתן איז!

מיר רעדן דערפון, אפילו דער "ר' דוד צבי" וואס איז געווען אזא מין קדוש, האט ער באדארפט אנקומען צו דעם אמת פונעם רבי'ן, און דער אמת פונעם רבי'ן האט אים געפעלט!

❖

[לה] עי' שיש"ק הנדמ"ח ח"ב אות כ"ב.

# המגיד מטירהאוויצע ז"ל

ער האט געהאט א זכיה - דער "טירהאוויצער מגיד",[לו] לפי החשבון איז ער אלט געווען 'זיבעציג יאר' ווען ער איז געווארן מקורב צום רבי'ן.

ער איז מקורב געווארן צום רבי'ן אין די נו"ן'ען (בשנות תק"ן), אסאך פאר ארץ ישראל, נ"ב, נ"ג, און ער איז געווען א איד פון 'ניינציג יאר' - 'נאך ניינציג יאר' - ווען ער איז נפטר געווארן, עפעס א יאר נאכן רבי'ן - ע"ב צו ע"ג.

קומט אויס אז ווען ער איז מקורב געווארן צום רבי'ן איז ער אלט געווען 'זיבעציג', נאך מער פון זיבעציג יאר, א צדיק פון 'זיבעציג יאר', און דער רבי איז אלט געווען 'צוואנציג יאר' – 'איין און צוואנציג יאר', און ער האט דערקענט דעם רבי'ן (גדולתו)!

ער האט געזאגט צום רבי'ן: **"איר פארבאהאלט זיך פאר אלעמען, און פאר מיר אוודאי, איר וועט זיך פאר מיר נישט פארבאהאלטן, מען 'שיסט' מיך און מען 'ראנעט' מיך (פוצעים אותי), צושאסן זאל איך ווערן - פונעם אמת וועל איך נישט אראפ!".**

א זכיה האבן - אן אלטער איד! אויך "ר' יודל" איז געווען עלטער פונעם רבי'ן מיט 'פופצן – זעכצן יאר', אבער ער (המגיד) איז געווען א איד א 'זקן'! פון די אלע צדיקים איז ער געווען פון די 'זקנים', א חבר מיטן "גרויסן ר' נחום" (מטשערנאביל)!

ער האט געווים געקענט דעם 'בעל שם הקדוש' (המגיד מטירהאוויצע), תקנ"ב איז ער אלט געווען 'זיבעציג יאר', דער בעל שם איז נסתלק געווארן תק"כ, קומט אויס אז ער איז אלט געווען 'פערציג יאר' ווען דער בעל שם הקדוש איז נסתלק געווארן, האט ער געווים געקענט קענען דער בעל שם!

מען ווייסט נישט, מען ווייסט נישט אינגאנצן, צו וועמען ער איז געווען מקורב ווייסט מען אויך נישט, מען ווייסט נאר אז ער איז געווען פון די 'גרויסע צדיקים'.

❖

[לו] עי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן, אות כ"ד, וז"ל שם: הָרַב הַצַּדִּיק רַבִּי יְקוּתִיאֵל הַמַּגִּיד מִטִּירְהָאוִויצָא זְצוּקַ"ל, הוּא אֲשֶׁר זָכָה בְּיוֹתֵר מִכָּל הַמְפֻרְסָמִים שֶׁבְּדוֹרוֹ לְהַכְנִיעַ אֶת עַצְמוֹ תַּחַת אַדְמוֹ"ר זַ"ל, וְלַעֲמֹד לִפְנֵי הַדְרַת קָדְשָׁתוֹ בְּאֵימָה וָפַחַד, וְגַם הַרְבֵּה מֵאַנְשֵׁי מְקֹרָבָיו וְיוֹצְאֵי חֲלָצָיו נִתְקָרְבוּ עַל יָדוֹ לַאַדְמוֹ"ר זַ"ל.

# שומר הגבול...

ער האט געוואוינט אין 'טירהאוויצע', אין טירהאוויצע איז דא א בריק אינדערמיט, די זייט הייסט 'כאנאראט', און די זייט הייסט 'טירהאוויצע', אין טירהאוויצע ענדיגט זיך די "קיעוו'ער גובערניע" (מחוז קיעוו), און דארטן הייבט זיך אן "חארסאנ'ער גובערניע", 'חארסאן' איז אין יענע צייט געווען א מאדערנע גובערניע, האבן צדיקים געזאגט אז "מען האט אים (המגיד) **אוועקגעזעצט דארטן, אז ער זאל אפהיטן אז ס'זאל נישט אריין דאס 'רע' פון 'חארסאן' - זאל נישט אריין אין 'קיעוו'!**".

"קיעוו" איז געווען אמאל די הויכע סארט שטעט - פון 'צדיקים', מען האט געזאגט "כי מ'קיעוו' תצא תורה", און 'חארסאן' איז געווען אביסל מאדערן, האט מען אים אוועקגעזעצט דארטן אין 'טירהאוויצע' ער זאל היטן דאס ביים גרעניץ, ס'זאל נישט אריין דאס 'רע' פון 'חארסאן' - זאל נישט אריין אין 'קיעוו'!

ער איז געווען א הויכער סארט מענטש.

[(השואל: מעזיבוזש איז אויך אין קיעווער גובערניע?) ניין, מעזיבוש איז 'קאמעניצער גובערניע', מאהליב, קרעמיניץ, שאריגראד, וואו ער איז געווען - "ר' דוד צבי" (חותן מוהרנ"ת) דאס איז אלץ לעבן מעזיבוזש.

(השואל: 'אומאן'? און 'ברסלב'?) אומאן איז 'קיעוו', און ברסלב איז 'קאמעניץ'.

(רמ"ב: אין 'כאנאראט' האט געוואוינט ר' ישראל טירהאוויצער?) ר' ישראל האט געוואוינט אין 'כאנאראט', יא ער האט געוואוינט אין דעם חלק.]

❖ ❖ ❖

# דיבורים חמים כגחלי אש

דעם אמת פונעם רבי'ן איז עפעס - איי איי אזא מין 'אמת', "ר' נתן" - דער אויבערשטער האט אים געהאלפן, ער איז געווארן מקורב צום רבי'ן האט ער באלד דערזעהן עפעס ס'איז עפעס א 'אנדער אמת'!

ער איז פול געווען מיט 'תורה', פול מיט 'יראת שמים', עפעס א קליינקייט?!

אזא 'שווער', אז ר' נתן האט זיך (געוואונדערט): "ווי האט געקענט זיין גרעסער משה (רבינו)?!", א געוואלדיגער מענטש איז דאך געווען זיין שווער, א הויכער סארט מענטש!

ער האט זיך א גאנצע וואך נישט געוואשן זיך צום עסן מחומרות נטילת ידים, און ער האט קיינמאל געלייגט זיך שלאפן, נאר אזוי געדרימלט, און א חוץ דעם איז ער געווען עפעס א הויכער סארט מענטש, א געוואלדיגער מענטש איז ער געוועזן! אז מען האט אזא 'שווער', ממילא דארף מען האבן נאך בעסער'ס?!

האט ער געזאגט אויף זיין שווער (אחרי שמוהרנ"ת התקרב לרבינו): **"אזוי ווי א 'קניזש'** – דאס איז אזא מין 'מאכל' געפילט מיט 'ראזשינקעס' און מיט 'צוקער' דארטן, מיט אלע מיני פעטקייטן – **אז ס'איז 'פריש', ס'איז 'ווארעם' איז עס א אנדערע זאך** (געשמאק), **און אז ס'נישט פריש, ס'איז קאלט, איז עס ווידער א אנדערע זאך!".**

"ביי זיין שווער איז אלצדינג דא, אלעס איז דא אין אים, נאר - ס'איז נישט 'ווארעם', ביים רבי'ן איז עס 'ווארעם'!", דאס האט ער געזאגט אויף זיין שווער, אלעס איז דא אין אים, ס'פעלט ביי אים גארנישט, נאר דאס ווארעמקייט פעלט!

טאקע אין תורה כ' זאגט דער רבי דארט, "דיבורים חמים כגחלי אש"! דערפון ווערט 'תורה'.[לז]

(כאן חסר קצת ההמשך)

❖ ❖ ❖

# 'אייער' זיידע מיין איך...

"ר' נחמן חיה'לעס"[לח] איז געווען אן איידעם ביי ר' בער'ן, ר' בער איז געווען א זון ביי ר' שלמה קארלינער, און אן איידעם ביי ר' ברוך'לען (ממעזיבוזש), ר' ברוך'לס אן איידעם און ר' שלמה קארלינער'ס א זון.

[לז] שם אות א'.

[לח] רבי נחמן בן מרת חיה בת רביז"ל.

"ר' שלמה קארלינער" איז געווען זייער גרויס, 'משיח בן יוסף', יא, געוואלדיג גרויס. האט ער זיך משדך געווען מיט ר' ברוך'לען, זיינער א זון האט געהייסן "ר' בער", און "ר' נחמן חיה'לעס" איז געווען אן איידעם ביי דעם ר' בער.

בשעת די גרויסע 'מחלוקת' אויפן רבי'ן, אויף ר' נתן'ען, אין זיינע צייטן, האט דער שווער - ר' בער - אים געזאגט (לר' נחמן חיה'לעס), וואס עס שטייט דארטן, די קינדער פון ישמעאל, "ומשמע ודומה ומשא" - "הער און שווייג און לייד!", אזוי האט דער ר' בער געזאגט צו ר' נחמן חיה'לעס.

(רמ"ב: ער איז געווען א רבי - דער ר' בער?) ניין, ער איז נישט געווען קיין רבי, אבער ר' ברוך'לס אן איידעם געווען. (רמ"ב: די קארלינער האבן אים נישט געמאכט פאר א רבי'ן?) עפעס ר' ברוך'לס קינדער איז עפעס נישט געווען קיין רבי'ס, די אלע ר' ברוך'לס קינדער.

ס'איז געווען דארטן "ר' מעכצע"[לט] (רמ"ב: ווי האט ער געהייסן מאיר'צע אדער מיכל'ע?) מסתם 'מיכל', מען האט אים גערופן "מעכצע", אויך געווען זייער גרויס, און קיין רבי איז ער נישט געווען.

עפעס ר' ברוך'ל האט געהאט א זכיה אז זיי זענען נישט געווען קיין רבי'ס... ער האט אזוי געוואלט - ר' ברוך'ל!

און אזוי דער רבי "ר' אלימלך", "ר' אלעזר" (בנו) איז נישט געווען קיין רבי! ר' אלעזר פלעגט פארן צום "קאזשניצער מגיד", ער פלעגט פארן צום "נעשכיזער", און ער אליין איז נישט געווען קיין רבי, רבי אלימלך האט נישט געוואלט זיינע קינדער זאלן זיין רבי'ס!

ר' יעקב יוסף[מ] פלעגט דערציילן תמיד די מעשה (הנ"ל) פון זיין זיידן.

אויף די עלטערע יארן האט ער אסאך געוויינט פארן אויבערשטן, ער פלעגט אסאך וויינען פארן אויבערשטן! (- ר' יעקב יוסף).

❖

[לט] עי' טעם זקנים קונטרס ז'.

[מ] בנו של ר' נחמן חיה'לעס.

ער האט דערציילט (ר' יעקב יוסף), ס'איז געווען אמאל א 'ברית' ביי "ר' נחמן חיה'לעם" א קינד, ער איז צוגעגאנגען צו איינעם פון ר' ברוך'לס חסידים און אים געבעטן ער זאל קומען אויפן ברית, זאגט ער אים (החסיד לר' נחמן): **"צו אייך וועל איך נישט 'גיין', צו אייך וועל איך 'קריכן אויף די הענט און אויף די פיס', איר האט א זיידן א 'רבי'!"**, אזוי האט ער געזאגט צו ר' נחמן חי'לעם, ר' ברוך'לס א חסיד, 'איר האט א זיידן א רבי'!

זאגט ער אים: "איך האב דאך עטליכע זיידעס!?", ער רעכענט אזוי, "ר' ברוך" איז א זיידע, "ר' שלמה קארלינער" איז א זיידע, זאגט ער: **"דאס איז דאך נישט 'אייערע' זיידעס, דאס איז 'אירע' זיידעס... 'אייער' זיידע א רבי!"**.

❖

אין די מכתבים שרייבט אליך ר' נתן צו אים - צו ר' נחמן (חיה'לעם): **"ר' נחמן נכד אדמו"ר ז"ל"**, אזוי שרייבט ער אלס, ער רופט אים אלס ער זאל קומען צו אים.[מא]

ליגן ליגט ער אין 'אומאן', די לעצטע יארן איז ער ארויס קיין אומאן.

ער איז א גרויסער דאווענער געווען!

❖

# פרי צדיק עץ חיים - נכדי רביז"ל

(השואל: זיין זון ר' יעקב יוסף?) ר' יעקב יוסף איז געווען א גרויסע עושר, ער איז געווען פון די טשעהרינער גבירים, א גרויסע גביר איז ער געווען, צום סוף איז ער געווארן אויס גביר, די קאמוניסטן האבן דאך אלע גבירים פאררעכנט מיט זיי, און מען האט זיי געמאכט פאר 'אויס גבירים', און ער איז ארויס קיין אומאן, ער האט שוין

[מא] מובא הרבה במכתבי מוהרנ"ת - עלים לתרופה. ועי' מכתב שפ"ה: וְשָׁלוֹם לַאֲהוּבִי יְדִיד נַפְשִׁי וּלְבָבִי הָרַבָּנִי הַוָּתִיק פְּרִי צַדִּיק וְכוּ' מוֹרֵנוּ הָרַב נַחְמָן נ"י נֶכֶד אדומ"ר זצוק"ל. כְּבָר כָּתַבְתִּי בְּמִכְתָּב לִבְנִי שֶׁיִּחְיֶה כַּמָּה דִּבְרֵי אֱמֶת אֵלֶיךָ, וְתִרְאֶה לְקַיְּמָם לָבוֹא מִיָּד לְפֹה, וְאִם יִרְצֶה הַשֵּׁם כַּאֲשֶׁר אֲדַבֵּר עִמְּךָ פֹּה פָּנִים אֶל פָּנִים ... וַה' יוֹדֵעַ שֶׁכָּל כַּוָּנָתִי בָּזֶה לְדַבֵּר עִמְּךָ הוּא לְטוֹבָתְךָ, וַאֲנִי מְחֻיָּב לְשָׁרֵת אֶת אדמו"ר זצוק"ל, לְהִשְׁתַּדֵּל לְטוֹבַת יוֹצְאֵי חֲלָצָיו הַיְקָרִים שֶׁיִּחְיוּ, וְאֵין בְּיָדִי לַעֲזֹר לָהֶם כִּי אִם בְּדִבְרֵי אֱמֶת שֶׁקִּבַּלְתִּי מִמֶּנּוּ זַ"ל...

געוואוינט אין אומאן - פלעגט ער ארויף גיין צום רבי'ן אויפן ציון און זיך גוט אויסגעוויינט.

(רמ"ב: א חוץ ר' זלמן און ר' יעקב יוסף איז געווען א דריטער ברודער אויך?) **די צוויי ברידער!** (בני ר' נחמן חיה'לעס), **ר' זלמן איז געווען, אויף אים האט מען געזאגט אז ער האט די צורה פונעם רבי'ן!**

**איך האב אים געזעהן אין אומאן אויף ראש השנה, און ווען איך בין געווען אין טשעהרין האב איך אים אויך געזעהן.**

**ער** (- ר' נחמן חי'לעס) **האט דאך א נאמען געגעבן נאך זיין טאטן, דער רבי'נס איידעם** (בעלה של חיה'לע) **האט דאך געהייסן ר' זלמן!**

**דער "ר' יעקב יוסף" וואס האט זיך משדך געווען מיטן רבי'ן, און ער האט געהאט א זון ר' זלמן, דאס איז געווען חיה'לעס ערשטער מאן, ער האט נישט מאריך ימים געווען.**

[(רמ"ב: און דער צווייטער מאן איז געווען "ר' אהר'קע" - דער בעל התניא'ס אן אייניקל?) **יא, ער איז געווען דער רב אין קרימינטשאק** (רמ"ב: ער איז געווען א ברודער פונעם צמח צדק?) **ניין, זיי זענען געווען שוועסטער קינדער, פון צוויי טעכטער** (של הבעל התניא).]

❖

**דער ר' זלמן** (ב"ר נחמן חי'לעס) **האט געוואוינט אין טשעהרין, ער איז אויך געווען א גביר, און ער איז געזעצן יומם ולילה על התורה ועל העבודה, לא פסיק פומיה מגירסא, אזוי ווי "ר' אלעזר בן חרסום",[מב] די געשעפטן האבן זיך געפירט, רייך, און ער האט זיך נישט געמישט גארנישט, ער האט געלערנט.**

**ער האט געמאכט א ספר אויפן רבי'נס זאך, לקוטי מוהר"ן, דער ספר איז געווען הפלא ופלא! איך האב געזעהן דעם ספר, אזעלכע חידושים אז ס'איז געווען געוואלדיג, מען האט עס געוואלט נעמען אהערצו דא** (לארץ ישראל) **און דא אפדרוקן, און ס'איז פארפאלן געווארן ביי די קאמוניסטן.**

**א געוואלדיגער ספר האט ער געהאט, אה, אך, 'חידושים נפלאים', ער איז געווען!**

---

[מב] עי' מס' יומא דף ל"ה ע"ב.

איך האב אים געזעהן אין אומאן, "אט דאס איז דעם רבי'נס צורה" (- כך אמרו אנ"ש), האב איך זיך שוין בעסער צוגעקוקט צו אים.

(השואל: ביי וועמען האט ער מקבל געווען - דער ר' זלמן?) איך ווייס נישט, געוויינליך - ער האט נאך געקענט די פריערדיגע דורות, קען זיין אפשר האט ער נאך געקענט ר' נתן אויך, קען זיין.

ס'איז געווען און געווען - און ס'איז דא! ס'איז געווען - און ס'איז דא! און דער אויבערשטער זאל העלפן מיר זאלן נישט "שטיין אין דער זייט"!

❖

## קען זיין ער האט דיר געמיינט... - הרב מ'טשעהרין

ס'איז געווען בשעת ר' נתן האט געזאגט די גרויסע הלכה פון הלכות פסח הלכה ט', אונזערע לייט האבן געהערט די הלכה זענען זיי געוואלדיג נתפעל געווארן, געשטאנען מיט א מין געוואלדיגקייט, און דער טשעהרינער רב איז געשטאנען און דער זייט, און ר' נתן האט געזעהן אז ער האט נישט אזא מין התפעלות (היה עדיין צעיר לימים).[מג]

האט ר' נתן געזאגט: **"דער רבי האט באנוצט זכות אבות ארויסצונעמען "ר' אהרן דער רב" קיין ברסלב - ער איז דאך געווען אן אייניקל - קען זיין אז ער האט געמיינט דיך, ער האט דיך געמיינט, און דו שטייסט גאר פונדערווייט?!".**

נו נאכדעם האט ער שוין תשובה געטוהן... ער האט געמאכט דעם 'קיצור לקוטי הלכות', (ליקוטי עצות חדש - אוצר היראה).[מד] ער האט אסאך געמאכט.

ס'איז געווען "ר' אפרים ר' נפתלי'ס", ער איז געווען "ר' נפתלי'ס" א זון! און אים האט דער אויבערשטער געהאלפן, ער האט 'דערפילט' ווער "ר' נתן" איז, ער האט דערקענט ר' נתן'ען, יא א זכיה געוועזן, נו.

---

[מג] עי' שיש"ק ח"ב אות תשפ"ג.

[מד] עי' בהקדמה שם שכתב ברוב ענוותנותו: הלא אני הלואי שאזכה להיות באמת על כל פנים זעירא דמן חבריא, כי לא זכיתי לשמש את מורנו הרב ר' נתן זצ"ל אפילו באצבע הקטנה, כי צעיר הייתי לימים אז...

אין 'פרפראות' זעהט מען געוואלדן, אין פרפראות אין א תורה דערמאנט ער ר' נתן'ען א געוואלד, א געוואלד! דער טשעהרינער רב אין פרפראות, די לקוטי הלכות וואס ס'ווארפט זיך דורך!

טאקע אין 'תורה י"ב' רעדט ער 'די הלכה' און 'די הלכה', ווארפט דורך 'הלכות'. 'ראשית הגז' איז א הלכה אויף די תורה י"ב און אויף תורה כ"ח, דארט רעדט מען אויך פון 'למדן'.[מה]

❖

## גאנץ כתבי האריז"ל אויף דער 'דאלאניע'

ס'איז טאקע געווען די חתונה וואס "חי'קע" (בת רביז"ל) האט חתונה געהאט מיט "ר' אהר'קע דער רב", און ר' נתן איז געווען אויף די חתונה, איז געווען דער שבת נאך די חתונה, ר' נתן האט געזאגט א מאמר, די הלכה אין ראשית הגז אויף דער תורה י"ב און תורה כ"ח - דיביידע תורות.

ר' נתן האט זיך פארגעסן אז ער איז א גרויסער למדן, און ר' נתן האט זיך אזא 'כאפ געטוהן' זיך: "וואס זאג איך? אפשר וועט ער מיינען אז איך מיין 'אים'!", ער האט גערעדט זייער שארף פון לומדות, האט ער זיך געוואלט צוריקדרייען, און ס'האט נישט געהאלפן.

ער איז געווען דעם רַב'ס טאכטער'ס א זון, די "פריידא" וואס ליגט צוזאמען מיטן רַב (בעל התניא).

ער איז נישט געווען קיין מתנגד, ער איז דאך געווען דעם רבי'נס אן איידעם.

אין די הלכה רעדט ער דארטן פון לומדים, אין תורה כ"ח רעדט ער פון 'תלמיד חכם - שד יהודי', 'אלפין נפולין - תורה נפולה', האט ער געמיינט אז ער מיינט אים...

ר' נתן האט אים באנק געטאן אויף וואס ער האט געזאגט די הלכה דארטן, ער האט זיך געוואלט כאפן קריק אוים...

---

[מה] עי' תו' כ"ח אות א'.

פונדעסטוועגן - ווען ר' נתן איז געווען ביי אים, ער איז געווען א הויכער סארט מענטש - דער "ר' אהר'קע", און ער האט גערעדט מיט ר' נתן'ען אסאך, און נאכדעם האט ער ארויסבאגלייט ר' נתן'ען פון די טיר, און ער האט זיך אנגערופן אזוי: **"אט דער איד, איז גאנץ כתבי האר"י און עץ חיים ליגט אים דא אויף די דאלאָניע!"** (- כף היד).

ער איז געווען דעם רבי'נס איידעם, א חוץ דעם איז ער דאך געווען א גדול בישראל.

(רמ"ב: אויף די ירושה איז נישט געווען עפעס פון אים?) יא יא, די ירושה וואס ס'איז געבליבן פון שרה'קען, זי איז געווען זייער רייך, דעם רבי'נס איידעם ר' יצחק אייזיק איז געווען זייער רייך, ר' יצחק אייזיק האט גערעדט מיט ר' נתן'ען אז ער וויל אז ס'זאל בלייבן א גרויסער חלק אויפן רבי'נס זאך - פון זיין פארמעג.

אבער די ירושה - 'די צוואה' האט ער געשריבן נישט אזוי ווי מען באדארף, ר' נתן איז נישט געווען ביים שרייבן, האט ער אליין געשריבן די צוואה נישט אזוי ווי מען דארף, און א רב קען כאפן דארטן א ווארט, איז נאר געבליבן פארן רבי'נס זאך נאר די ספר תורה מיט די לייכטער, עפעס גאר קלייניקייטן, תכשיטים.[מו] (רמ"ב: און די געלט איז געגאנגען וואו?) ער האט דאך געהאט דריי זין.

אזוי איז געווען, ער איז געגאנגען מיט הלכה הייסט עס, "הלכה'דיג".

און ר' נתן האט געוואלט, ער האט געמיינט אז ס'וועט זיין א פארמעג אויפן רבי'נס זאך, עס וועט קענען פארשפרייטן זיך דעם רבי'נס זאך, יענע יארן - מ'וועט קענען עפעס טוהן אויפן רבי'נס זאך, און ער האט געוואוסט אז ר' יצחק אייזיק האט אזוי געוואלט, דעם רבי'נס איידעם האט געוואלט אזוי ס'זאל בלייבן אויפן רבי'נס זאך.

❖

[מו] עי' ימי מוהרנ"ת אות ק"י.

# מיט אזעלכע 'קארעטעס' וואס וועט זיין מיט זיי?

(רמ"ב: ווער זענען געווען די זין פון ר' יצחק אייזיק - חתן רביז"ל?) דריי זין האט ער געהאט: ר' אפרים, ער האט געהאט א זון ר' שמחה ברוך, און געהאט א זון ר' ישראל, דאס איז דער ר' ישראל דער טשערנאבל'ער.[מז]

זיי האבן זיךביידע משדך געווען - "אדל'ע" מיט "שרה'קע", נאך שרה'קעס הסתלקות האט אדל'ע חתונה געהאט מיט ר' יצחק אייזיק'ן,[מח] און ביי אדל'ען איז געווען א טאכטער (מרת 'רבקה מרים' - מזיוו"ר) - האט זי חתונה געהאט מיט דעם ר' שמחה ברוך. (רמ"ב: און דער ר' אייזיקל פון בארדיטשוב?) יא, דאס איז געווען דער זון פון ר' שמחה ברוך'ן מיט די טאכטער (של אדל'ע).[מט]

ס'איז געווען, ס'איז געווען, אינעם רבי'נס זאך איז תמיד געווען פארשטעלט.

ר' נתן האט אזוי געמיינט, ער איז געקומען פון דארטן אין א געוואלדיגע עגמת נפש, ער האט געמיינט אז ער וועט עפעס נעמען פארן רבי'נס זאך, און ער ר' יצחק אייזיק האט אזוי געוואלט.

אבער דער אויבערשטער האט אזוי צוגעפירט אז פון דעם גאנצן פארמעג איז גארנישט געווארן!

זיי זענען געקומען צו פארן ביידע: ר' אפרים דער זון (של שרה), און ר' שמחה ברוך, געקומען צו פארן מיט א קארעטע - מיט א רייכקייט - קיין אומאן, אזוי ווי גבירים, אויף ראש השנה, האט ר' נתן א קוק געגעבן אויף דעם, "וואס וועט זיין פון זיי?! מיט די 'קארעטע' וואס וועט זיין פון זיי?!".

זיי זענען געווארן 'ארימעלייט', און ס'איז געווארן גארנישט פונעם פארמעג, ס'איז גארנישט געווארן דערפון!

---

[מז] נעשה חתנו של רבי אהרן מטשערנאביל זצ"ל, ואחר שנפטר בצעירותו נתגדלו בניו בבית זקינם בטשערנאביל.

[מח] עי' ימי מוהרנ"ת אות ק"י, ועלים לתרופה מכתב ס"ד.

[מט] עי' ימי מוהרנ"ת אות ק"י: וּבִתְחִלַּת שְׁנַת תקצ"ג הַנַּ"ל בְּראשׁ חֹדֶשׁ כִּסְלֵו הָיְתָה הַחֲתֻנָּה שֶׁל רַבִּי שִׂמְחָה-בָּרוּךְ בֶּן רַבִּי אַיְזִיק הַנַּ"ל עִם בַּת דּוֹדָתוֹ בַּת אָדְל הַנַּ"ל שֶׁהָיְתָה אָז אֵשֶׁת רַבִּי אַיְזִיק כַּנַּ"ל וְהָיִיתִי גַּם כֵּן עַל הַחֲתֻנָּה בִּקְרֶימִינְטְשׁוּק. ועי' ליקוטי הלכות הל' שבת ו' שצויין בסוף אות כ"ג: כָּל-זֶה נֶאֱמַר עַל הַחֲתוּנָּה שֶׁל ש"ב (- שמחה ברוך).

אין א מכתב שרייבט ר' נתן,[ג] אז "איצטער איז דא ביי מיר ר' אפרים, און ער האט נישט קיין הוצאות אויף קריק, איך מוז נאך זעהן צושטעלן די הוצאות אויף קריק", ס'איז געווען נאר עטליכע יאר נאכן ירש'נען אזא מין פארמעג, אזא מין רייכקייט, וואס איז געבליבן פון ר' יצחק אייזיק'ן, ס'איז גארנישט געבליבן.

נאר וואס דען? דאס איז יא געווארן - אינגאנצן דער גזע גייט אליץ פון דעם "ר' אפרים", "ר' שמשון (בארסקי)" מיט "ר' געצע" און די אלע אייניקלעך - איז אלעס פון דעם ר' אפרים, דאס איז יא געבליבן!

ער איז שוין געווארן אן ערליכער איד, ר' נתן האט אים א טובה געטוהן!

ער האט געזעהן וואס וועט זיין פון די קארעטעס, זיי פארן מיט די קארעטעס וועט גארנישט ווערן דערפון, האט ער זיי א טובה געטוהן, ער האט געוואוסט אז דער רבי וועט נישט זיין ברוגז אויף אים, האט ער אים א טובה געטוהן זענען זיי געווארן חסידים אזוי ווי ס'דארף זיין!

דער ר' אפרים האט געהאט א טאכטער "פיגא" - ר' שמשון'ס מוטער, און א זון "נחמן" וואס ס'איז געווען "ר' געצע'ס" שווער, אסתר'ס טאטע.

(רמ"ב: פון דעם ר' נחמן האט מען גארנישט געהערט?) יא, איך האב אים געקענט, אוודאי, דעם אלטן נחמן'ען!

ווען איך בין געווען אין טשעהרין, ער פלעגט זיצן דארט אין מרחץ ביי די געלט, פרייטאג, מען האט אים גערופן "נחמן פרויקעס".

(רמ"ב: אה דערפאר האט ער געוואלט שטעלן ר' געצע, ר' געצע איז דאך אויך געזיצן אין מרחץ), ער האט אים אוועקגעשטעלט דארטן אויך אביסל, אין טשעהרין, אבער ר' געצע האט דאך געברענט צו דעם אויבערשטן, איז ער אוועק מיטן קעסטל, האט ער נישט געוואלט האלטן דעם קעסטל (קופסת המעות של דמי המרחץ).

א שיינער גזע איז געבליבן פון ר' אפרים, א שיינע גזע אייניקלעך, שיינע אייניקלעך האט ער (משפחת געלבאך ובארסקי וכו' הע"י).

[ג] עי' עלים לתרופה מכתב תנ"א.

(רמ"ב: און פון ר' שמחה ברוך?) פון ר' שמחה ברוך איז געבליבן "ר' אייזיקל פון בארדיטשוב", ס'איז נאך געווען אין טשעהרין שיינע זין. און ווייטער יענע פון "ר' ישראל" זענען געווען "טשערנאבל'ער".

(השואל: און פון "ר' אהר'קע" איז געבליבן ברסלב'ער חסידים?) יא יא, אין קרימענטשאק איז געווען אייניקלעך, וואס זענען געווען דעם "רַב'ס" אייניקלעך און דעם "רבי'נס" אייניקלעך, זיי פלעגן פארן אויף ראש השנה (לאומאן).

צום סוף זענען זיי אלע נעבעך אויסגע'הרג'עט געווארן, אלע פון קרימענטשאק.

ער איז דאך געווען א רב אין קרימענטשאק - ר' אהר'קע, איז ממילא האבן זיי געוואוינט אלע אין קרימענטשאק די אלע קינדער זיינע.

זיי זענען געווען וואוילע אידן, לומדים אזעלכע, זיי פלעגן מישן "דעם רבי'נס זאך" מיטן "חב"ד זאך", זיי זענען געווען אייניקלעך פונעם רַב, און די אייניקלעך פלעגן מישן אזוי, אבער זיי פלעגן קומען - אויף ראש השנה פלעגן זיי קומען.

❖ ❖ ❖

# א 'מאיאנטעק' מיט א 'קאפיקע'

(רמ"ב: איר האט געהערט אז דער בעל התניא האט געזאגט "טעפליק האט צוויי רבנים" - ) יא, ס'איז געווען אן 'עגונה' אין טעפליק, וואס מען האט זיך געמאטערט מיט איר אסאך יארן 'מתיר מאכן' איר, און מען האט זי נישט געקענט 'מתיר מאכן', ווען דער רַב דער 'בעל התניא' איז געפארן צום רבי'ן קיין ברסלב איז ער דורכגעפארן דורך טעפליק, דער וועג גייט אזוי, ער איז געקומען פון 'פעטערבורג' (אחר שחרורו מבית הסוהר), ער האט זיך געוואלט איבערבעטן מיט ר' ברוך'לן, איז ער געווען אין 'טעפליק', און ער איז געווען אין 'הייסין', און ער איז געווען אין 'לאדיזין', און ער איז געווען אין 'ברסלב', און ער איז געווען אין 'טולטשין' - ביי ר' ברוך'לען איז געווען דער לעצטער.[נא]

[נא] עי' אבני"ה ברזל - שו"ס מרביז"ל, אות מ"ו.

(רמ"ב: דאס איז געווען בשעת משה חינקעס האט אים געגעבן דעם פדיון?) **יא יא.**[נב]

**האט מען געהערט** (בטעפליק) **אז דער רַב דארף קומען, האט "ר' מרדכי דיין"**[נג] **געזאגט: "נו, אז ס'וועט קומען דער רַב, דער בעל התניא דארף דאך קומען, וועט מען זיך מצרף זיין אז מען זאל קענען מתיר מאכן** (העגונה)**".**

**ער האט געזעהן** (ר' מרדכי דיין) **אז מען קען איר מתיר מאכן, נאר אליין האט ער נישט געוואלט, ס'איז געקומען דער רַב, און ס'איז נאך א רב געווען אין טעפליק, האט מען גערעדט צוזאמען, מען האט איר 'מתיר געמאכט' די עגונה!**

(רמ"ב: ר' מרדכי האט געהייסן דער רבי'נס - אונזערע לייט'ס רב?) **יא יא.**

**אז ער איז אוועקגעפארן, האט זיך געזעגנט זיך דער רַב, האט דער רַב געזאגט: "איר האט צוויי רבנים, האבן זיי דער ווערד ביידע - א 'מאיאנטעק' מיט א 'קאפיקע'!".** (רצה לומר) **איינער איז ווערד א 'מאיאנטעק', און איינער איז ווערט א 'קאפיקע', א פארמעג הייסט א 'מאיאנטעק', א גרויסער פארמעג, א הון רב,** (בהתכוונו, שר' מרדכי שווה 'הון רב' לרוב גדולתו בתורה, והשני שווה נגדו רק פרוטה)**, א געוואלדיגער גאון איז געווען ר' מרדכי!**

❖ ❖ ❖

(השואל: אין אומאן האבן געדאווענט פארן עמוד אפילו בחורים?) **'יונתן לעווינזאהן' - זיין טאטע האט געדאווענט ביי אונז אין שול!** (השואל: גוט אז ער איז געווען אן 'אבל', אבער איך מיין סתם אזוי, א בחור אינמיטן יאר, א בעל תפילה אויף חזרת הש"ץ?) **ניין ניין, סיידן אז ער איז אן אבל, סתם אזוי נישט.**

❖

---

[נב] עי' שיש"ק ח"ב אות קמ"ז (בהנדמ"ח ח"א אות תקצ"ה): כְּשֶׁנָּסַע הָרַב בַּעַל הַתַּנְיָא אֶל הרה"ק רַבִּי בָּרוּךְ מִמֶּעזְבּוּז שֶׁדָּר אָז בְּטוּלְטְשִׁין כְּדֵי לְיַשֵּׁב אֶת הַמַּחְלוֹקֶת שֶׁהָיָה בֵּינֵיהֶם, נָסַע דֶּרֶךְ עֲיָרוֹת בְּרֶסְלֶב הֵיְסִין וְטֶעפְּלִיק וְכוּ' וְאָז נִכְנַס גַּם לְבַקֵּר אֶת רַבֵּנוּ, וּבְאוֹתוֹ מַעֲמָד פָּנָה רַבֵּנוּ לְמשֶׁה חִינְקֶעס שֶׁהָיָה גְּבִיר, וְאָמַר לוֹ: "תֵּן צְדָקָה לְתַלְמִיד חָכָם אֲמִתִּי", "**גִּיבּ צְדָקָה אַן אֶמֶת'ן תַּלְמִיד חָכָם**", וְנָתַן לְהָרַב רֶענְדְל זָהָב עַל הַשֻּׁלְחָן, פָּנָה אֵלָיו רַבֵּנוּ בִּתְמִיהָה וְאָמַר לוֹ: "זֶה נוֹתְנִים לְתַלְמִיד חָכָם אֲמִתִּי"? "**דָאס גִּיט מֶען אַן אֶמֶת'ן תַּלְמִיד חָכָם**", וְנָתַן עוֹד רֶענְדְל וּכְשֶׁרָאָה שֶׁהַתְּמִיהָה עֲדַיִן בִּפְנֵי רַבֵּנוּ נָתַן עוֹד רֶענְדְל, וְהִבְחִין שֶׁרַבֵּנוּ עֲדַיִן תָּמֵהַּ עָלָיו וְנָתַן עוֹד רֶענְדְל - עַד שֶׁנָּתַן עֲשָׂרָה רוּבְּל זָהָב. לָקַח רַבֵּנוּ וְהוֹרִיד בְּיָדוֹ אֶת הָעֲשָׂרָה רוּבְּלִים לְתוֹךְ יָדוֹ שֶׁל הָרַב, "**אַרָאפּ גִּישַׁארְט פוּן טִישׁ**".

[נג] תלמיד רביז"ל, רב ומו"ץ בטעפליק.

(ר' יעקב דב: ר' אפרים'ל ברעננגט, וועגן "שפתותיו דובבות בקבר", טייטשט ער דעם פסוק "בצר הרחבת לי", אז דוד המלך האט געבעטן, 'בצר' - אזא א איד איז אין א 'עת צרה', איז דאך 'הרחבת לי', איז דאך 'שפתותיו דובבות בקבר', ווייל דער איד זאגט דאך 'תהלים', ווערט ביי מיר אן 'הרחבה', איז 'חנני ושמע תפילתי' - הער צו מיין געבעט אז דער איד זאל אויך זיין געהאלפן!), **אה...**

(עד כאן השיעור, מכאן יש הקלטה מר' יעקב מאיר שכטער שליט"א שמוסר שיעור בליקוטי מוהר"ן תו' ט', בערך בשנת תשל"ה)